בעזהשי"ת

ספר

# עצתו אמונה

אידיש

## פרשת טהרה

תשע"ח

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**באדייט פון "סדר"; ווי אזוי מען קען מיטנעמען די השפעות פונעם סדר אויף א גאנץ יאר; דאס גרויסקייט פון זאגן די הגדה בשמחה; וואס צו בעטן בשעת שריפת חמץ; זאגן די בריוו פון ר' שמשון מאסטראפאליע ז"ל ערב פסח; א ספעציעלע תפילה פאר ערב פסח; דאס גרויסקייט פון לערנען א דף גמרא יעדן טאג.**

בעזרת ה' יתברך - יום ו' פרשת שמיני-א, י"ד ניסן, ערב פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר גייען שוין היינט נאכט פראוועו דעם הייליגן סדר. די הייליגע צדיקים זאגן: "פארוואס רופט מען אן דעם ליל הסדר מיטן נאמען 'סדר?' ווייל דאס איז א סדר פאר א גאנץ יאר; ווי אזוי א מענטש פירט זיך אין דעם נאכט וועט דאס האבן אן השפעה אויף אים דעם גאנצן יאר". אז מען וועט אכטונג געבן צו זיין רואיג און פרייליך וועט מען א גאנץ יאר קענען געניסן פון די הייליקייט וואס קומט אראפ דעם נאכט, אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל זאגט (הובא בבאר היטב אורח חיים סימן תמ"ז, סעיף קטן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", ווער עס איז נזהר פון א משהו חמץ אום פסח, וועט א גאנץ יאר זיין אפגעהיטן פון עבירות.

פארשטייט זיך אז דער ס"מ זוכט אלע סארט וועגן ווי אזוי ער קען צעשטערן דעם הייליגן נאכט. ער ווייסט אז פסח ביינאכט וועט אים קיינער נישט אויסהערן צו טון עבירות; יעדער איז גרייט פאר יום טוב, יעדער איז ריין פאר יום טוב, ער שפירט שוין ווי אט אט גייט ער ווערן אויס, די אידן גייען זיך באהעפטן מיטן אייבערשטן, קומט ער ווי אן ערליכער מלאך, ער טוט זיך אן מיט א ווייסע בעקיטשע, אזוי ווי דער רבי טייטשט אויס (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן א) דעם מאמר פון רבה בר בר חנה (בבא בתרא עג.): "הַאי גַּלָּא דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא, מִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא", דער יצר הרע איז ווי א וואל וואס וויל אוועק נעמען דעם מענטש פונעם אייבערשטן, אזוי ווי א וואל וואס וויל דערטרענקען א שיף; ער פארשטעלט זיך ווי א ווייסע ברענעדיגער מלאך, ער מאכט דער מענטש זאל זיך אויפרעגן אין שטוב אויף די ווייב און קינדער. דער מענטש כאפט נישט אז דאס איז א טריק פונעם ס"מ אים אויפצורעגן, און אזוי נעמט ער אים אוועק פון די קדושה.

דערפאר דארפן מיר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין פרייליך ביים סדר, מיר זאלן האלטן קאפ נישט צו ווערן פארלוירן ווען עפעס גייט נישט אזוי ווי מען וויל, אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו די קדושה וואס קומט אראפ פסח.

מיר פירן זיך צו זאגן דעם שטיקל זוהר (פקודא בתר דא; פרשת בא, דף מ:) פאר מיר הייבן אן זאגן די הגדה. דער שטיקל זוהר פלאמט אויף דאס הארץ, זעהנדיג דאס גרויסקייט פון זאגן די הגדה. דער זוהר הקדוש זאגט: פסח ביינאכט ווען אלע אידן זיצן ביים סדר, מען זאגט די הגדה און מען דערציילט די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז, "בֵּיהּ שַׁעֲתָא, כָּנִישׁ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְכָל פָּמַלְיָיא דִּילֵיהּ, וְאָמַר לוֹן, זִילוּ וּשְׁמָעוּ סִפּוּרָא דִּשְׁבָחָא דִּילִי, דְּקָא מִשְׁתָּעוּ בָּנַי, וְחַדָּאן בְּפוּרְקָנִי", דעמאלט רופט דער אייבערשטער צוזאמען אלע מלאכים און זאגט זיי: קומט, לאמיר גיין הערן די לויב וואס דא אידן לויבן מיר. "כְּדֵין כֻּלְּהוּ מִתְכַּנְּשִׁין, וְאַתְיָין וּמִתְחַבְּרִין בַּהֲדַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל, וּשְׁמָעוּ סִפּוּרָא דִּשְׁבָחָא, דְּקָא חַדָּאן בְּחֶדְוָא דְּפוּרְקָנָא דְּמָרֵיהוֹן", אין די צייט קומען אלע מלאכים אראפ צו די אידישע קינדער און הערן זיך צו ווי אזוי מען דערציילט די הגדה און די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, זיי הערן זיך צו צו די פרייד ווי מיר פרייען זיך מיטן אייבערשטן, "כְּדֵין אַתְיָין וְאוֹדָן לֵיהּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, עַל כָּל אִינּוּן נִסִּין וּגְבוּרָן וְאוֹדָאן לֵיהּ עַל עַמָּא קַדִּישָׁא דְּאִית לֵיהּ בְּאַרְעָא, דְּחַדָּאן בְּחֶדְוָה דְּפוּרְקָנָא דְּמָארֵיהוֹן", דעמאלט הייבן אן אלע מלאכים צו לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע ניסים וואס דער אייבערשטער מאכט און זיי זאגן פארן אייבערשטן: "די אידן זענען א הייליג פאלק; זיי פרייען זיך מיט דיר, זיי פארציילן אלע ניסים וואס דו טוסט מיט זיי".

איך בעט דיר זייער זאלסט זאגן די הגדה מיט שמחה; אפילו דו פראוועסט נישט אליינס דעם סדר, דו ביסט ביי דיינע עלטערן אדער ביי דיין ווייב׳ס עלטערן און זאכן באדערן דיר וכו׳, גיי נישט אריין אין אן עצבות רחמנא לצלן, נאר זיי פרייליך, ווייל אויב מען זאגט די הגדה בשמחה און מען פריידט זיך מיט די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז, וועט מען זוכה זיין זיך צו פרייען אין עולם הבא, אזוי ווי עס דער הייליגער זוהר זאגט (שם): "כָּל בַּר נָשׁ דְּאִשְׁתָּעֵי בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, וּבְהַהוּא סִפּוּר חַדֵּי בְּחֶדְוָה, זַמִּין אִיהוּ לְמֶחדֵי בִּשְׁכִינְתָּא לְעָלְמָא

דְּאָתֵי", ווער עס זאגט די הגדה, ווער עס פארציילט די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון ביי יציאת מצרים און בשעת ער פארציילט די הגדה פריידט ער זיך, דער מענטש וועט זוכה זיין זיך מיט צו פרייען מיטן אייבערשטן אויף יענע וועלט "דְּהוּא חֶדוּ מִכֹּלָּא", וואס דאס איז די גרעסטע פרייד וואס עס איז דא אויף דער וועלט; א מענטש וואלט אלעס געטון צו באקומען א ברכה פון הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי זוכה זיין צו עולם הבא, און דא באקומען מיר פון אים אזא שיינע ברכה, איז דאך זיכער אז מיר דארפן זען צו זיין פרייליך בשעת מיר זאגן די הייליגע הגדה.

ווען דו גייסט פארברענען די חמץ, זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל שוין פארברענען דעם יצר הרע, אזוי ווי מען זאגט אינעם יהי רצון: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, כְּשֵׁם שֶׁאֲנִי מְבַעֵר חָמֵץ מִבֵּיתִי וּמֵרְשׁוּתִי כַּךְ תְּבַעֵר אֶת כָּל הַחִיצוֹנִים וְאֶת רוּחַ הַטּוּמְאָה תְּבַעֵר מִן הָאָרֶץ וְאֶת יִצְרֵנוּ הָרָע תְּבַעֲרֵהוּ מֵאִתָּנוּ וְתִתֶּן לָנוּ לֵב בָּשָׂר, וכו'"; און לייג צו דיינע אייגענע בקשות. בעט דעם אייבערשטן ער זאל שוין אראפ ברענגען אויף אידישע קינדער א רוח טהרה, מען זאל לעבן מיט אמונה און מען זאל שוין אפלאזן אלע תאוות רעות.

אנשי שלומינו פירן זיך צו לערנען דעם בריוו פון רבי שמשון מאוסטראפאליא ז"ל; צום סוף פונעם בריוו שטייט אז ווער עס לערנט דעם בריוו ערב פסח: "מֻבְטָח לוֹ שֶׁיִּנָּצֵל בְּאוֹתָהּ שָׁנָה מִכָּל מִכְשׁוֹל וּמִמִּיתָה מְשֻׁנָּה, וְשׁוּם אָדָם לֹא יִמְשֹׁל בּוֹ, וְכָל אוֹיְבָיו יִפְּלוּ תַּחְתָּיו, וּבְכָל אֲשֶׁר יִפְנֶה יַצְלִיחַ וּבְכָל עֲסָקָיו יַרְוִיחַ", דער וועט ניצול ווערן פון אלע שלעכטע זאכן און ער וועט מצליח זיין אין אלע זיינע ענינים. דער בריוו איז געדרוקט אין די ברסלב'ע הגדה (הגדת 'אור זרוע').

איך שרייב דיר דא א קליינע תפילה וואס דו זאלסט בעטן היינט; דער תפילה איז געבויט אויף די תפילה פון ר' נתן (ליקוטי תפילות, תפילה כ).

***"אָנָּא ה'***, איך בעט דיר אייבערשטער, האב אויף מיר רחמנות, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו פארריכטן אלע מיינע שלעכטע מעשים. איך זאל זוכה זיין ארויס צו גיין פון מיין מצרים, איך זאל שוין אויפהערן נאכלויפן עבירות. איך זאל היטן מיינע אויגן, איך זאל היטן מיין מחשבה.

***אָנָּא ה׳***, אזוי ווי דו האסט געמאכט ניסים פאר אונזערע עלטערן, דו האסט זיי ארויס גענומען פון מצרים, פון די מ"ט שערי טומאה, פון זייערע עבירות. דו האסט זיי צוגעברענגט צו די גרעסטע מדריגות אין קדושה, דו האסט זיי געגעבן די הייליגע תורה, דו האסט זיי אריין געברענגט אין ארץ ישראל, אזוי אויך בעט איך דיר הייליגער באשעפער זאלסטו מיט מיר אויך מאכן ניסים; נעם מיר ארויס פון מיין ביטערע גלות. איך ליג אין עבירות, איך בין פארקנעכטעט פאר מיין יצר הרע, איך האלט אין איין אריין פאלן אין פגם הברית, איך האב נישט קיין מח, מיינע מחשבות טראכטן נאר פון שמוץ, העלף מיר איך זאל זוכה זיין ארויס צו גיין פון מיינע עבירות און תשובה טון בתשובה שלימה, עס זאל שוין מקוים ווערן וואס שטייט (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת".

***אָנָּא ה׳***, איך בעט דיר אייבערשטער, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו מקבל זיין דעם יום טוב פסח מיט א פרייליכקייט. איך זאל זיך נישט אויפרעגן און קיינער זאל מיר נישט נערוועז מאכן. עס זאל מיר גארנישט אנגיין. העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו מקיים זיין אלע מצוות פון פסח און א גאנץ יאר זאל איך געדענקען אז נאר דו פירסט דער וועלט און עס איז גארנישט דא אויסער דיר".

מיר האבן היינט צופרי מסיים געווען מסכת עבודה זרה; וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז גאר אנדערש דעם גאנצן טאג אז מען לערנט דעם "דף גמרא", ברוך ה׳ אלע אינגעלייט און בחורים וואס פאלגן דעם הייליגן רבי׳ן לערנען יעדן טאג דעם דף.

מיר האבן מקדים געווען דעם סיום מיט צוויי טעג ווייל מיר האבן ביים שיעור אינגעלייט און בחורים וואס זענען בכורים וגם אני בתוכם, האבן מיר פאראויס געלערנט מיט צוויי דפים אז מיר זאלן נישט דארפן פאסטן.

זונטאג דעם ערשטן טאג חול המועד הייבן מיר אן א פרישע מסכת: "מסכת הוריות"; איך בעט דיר זייער טייער ליבער חבר, כאפ זיך מיט און הייב אן לערנען יעדן טאג א דף גמרא מיטן סדר וואס גאנץ כלל ישראל לערנט. דאס וועט דיר געבן הצלחה, דאס וועט דיר פרייליך מאכן; עפעס אנדערש מאכט נישט פרייליך. געלט מאכט נישט פרייליך, גארנישט מאכט פרייליך - נאר תורה. ווען א מענטש איז

זוכה און ער פאלגט דעם הייליגן רבי׳ן, ער כאפט אריין יעדן טאג אביסל גוטס, דער לעבט א חיים טובים.

טייערער הארציגער ברודער, נעם אן מיינע ווערטער וואס קומען ארויס פון מיין הארץ; איך האב אזוי פיל געארבעט מיט דיר, איך האב אזוי פיל צייט אוועק געגעבן פאר דיר, נאר כדי דו זאלסט האבן א גוט לעבן. פאלג דעם רבי׳ן, זיי דיר מתגבר אויף דיין יצר הרע און נעם די הייליגע דף גמרא און זאג די ווערטער פון די גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, אפילו אלע שרייען אז עס הייסט נישט געלערענט, אפילו אלע שפעטן דערפון - דו פאלג דעם רבי׳ן, ווייל לאכן לאכט דער וואס לאכט צום סוף, אזוי ווי עס שטייט (משלי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן - ער וועט לאכןביים לעצטן טאג, אבער די אלע וואס שפעטן אפ פון רבינ׳ס סדר דרך הלימוד די שפעטן פון זיך אליינס, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ", אויב ביסטו קלוג - ביסטו נאר קלוג פאר דיר, "וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא", פון רבי׳ן קען מען נישט לאכן, פון רבי׳ן קען מען נישט חוזק מאכן, דער רבי בלייבט, זיינע ווערטער בלייבן אבער די וואס לאכן - פון זיי בלייבט גארנישט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אמן.

א פרייליכן יום טוב.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי אויסצונוצן די יום טוב טעג; מיט יעדע שטיקל מצה וואס מען עסט איז מען מקיים א מצוה; דאס גרויסקייט פון אידישע קינדער; זיין שטארק צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג - אזוי ווי לייגן תפילין; דעם רבינ׳ס מנהג וועגן בראקן אום פסח.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳, י״ז ניסן, א׳ דחול המועד פסח, שנת תשע״ח לפרט קטן
~~~~~~~~~~

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס ווערט גע׳פסק׳נט (שלחן ארוך אורח חיים סימן תקמה, סעיף ד) אז מען טאר נישט שרייבן חול המועד, אבער א דבר האבד מעג מען יא שרייבן. עס זענען דא פוסקים וואס זאגן אז חידושי תורה מעג מען שרייבן (שם סעיף ט; כף החיים סעיף קטן עט). דאס וואס איך שרייב דיר איז א דבר האבד, ווייל איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט אויסנוצן דעם יום טוב מיט תורה תפילה ומעשים טובים.

חסדי השם יתברך אז מיר האבן זוכה געווען צו דעם הייליגן יום טוב פסח, מיר האבן זוכה געווען צו עסן די הייליגע מצה, וואס לויט טייל פוסקים (שאלות ותשובות חתם סופר יורה דעה, סימן קצא; מעשה רב - הנהגות הגר״א זכר צדיק לברכה, סימן קפה) איז מען מקיים א מצוה מיט יעדע שטיקל מצה וואס מען עסט דורכאויס דעם גאנצן יום טוב, דערפאר דארפן מיר זיין זייער פרייליך אז מיר זענען באשאפן געווארן מזרע ישראל; וואס וואלטן מיר געטון ווען מיר ווערן באשאפן גוים? אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו.

דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו איז אמאל ארום געגאנגען פסח זיך נאכפרעגן פון איין איד צום צווייטן צי ער האט אביסל ביר פאר אים, אלע האבן אים געענטפערט: ״חס ושלום! ביר איז חמץ״, האט ער געפרעגט: ״אויב איך וועל דיר באצאלן דערפאר מער, צוויי מאל דער ווערד פון א פלעשל ביר ווערסטו מיר יא געבן? האט מען אים ווידער געענטפערט: ״ניין! ביר איז חמץ״, ווייסטו וואס - זאגט דער הייליגער בארדיטשובער רב - ״איך דארף זייער וויכטיג א פלעשל ביר, איך בין אפילו גרייט צו צאלן ביז טויזנט רובל״, אבער יענער האלט זיך ביי דאס זייניגע און שרייט ווייטער אז ביר איז חמץ. איז ער צוגעגאנגען צו א גוי און אים געפרעגט צי ער האט אים צו פארקויפן זיידן, דעמאלט האט די רעגירונג נישט געלאזט האנדלען מיט זיידן, האט דער גוי געזאגט: ״ניין, מען טאר נישט האנדלען מיט זיידן, מען קען באקומען פאר דעם תפיסה״, ווייסטו וואס - זאגט דער הייליגער בארדיטשובער רב - ״איך דארף זייער וויכטיג האבן זיידן, איך בין גרייט צו צאלן ביז טויזנט רובל״, האט דער גוי געזאגט: ״ווארט מיר דארט און דארט, איך וועל דיר ברענגען זיידן״; האט זיך דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו אנגערופן פארן באשעפער: ״הייליגער באשעפער, קוק אן די אידישע קינדער; דו שרייבסט אין די תורה (שמות יג, יז): ״וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ

שְׂאֹר בְּכָל גְּבֻלֶךָ", עס זענען נישט דא קיין פאליציי וואס קוקן דאס נאך, מיט דעם אלעם קען מען נישט טרעפן קיין ברעקל חמץ ביי קיין איין איד, (דברי הימים-א יז, כא): "מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ"".

היינט הייבן מיר אן א פרישע מסכת, "מסכת הוריות"; זע זיך מיט צו כאפן מיט אלע אנשי שלומינו וואס לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס א דף גמרא איז; דער חיד"א ברענגט אראפ אין ספר שם הגדולים (מערכת ספרים, אות ת) פון הגאון מוה"ר רבי שעפטל, א זון פון דעם הייליגן של"ה הקדוש, אז לימוד גמרא דארף זיין א חיוב פארן מענטש אזוי ווי לייגן תפילין; דערפאר, זיי נישט קיין בטלן און הייב אן היינט מסכת הוריות. עס איז א שיינע מסכת און מען ענדיגט דאס ביז צוויי וואכן. דאס זאל זיין ביי דיר אזוי שטארק אזוי ווי אנטון תפילין.

דאס אלעס שרייב איך דיר אום חול המועד ווייל דאס איז א דבר האבד; עס איז א שאד אז עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג אן קיין לימוד התורה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חגיגה ה:): "תָּנוּ רַבָּנָן, שְׁלֹשָׁה - הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בּוֹכֶה עֲלֵיהֶם בְּכָל יוֹם, עַל מִי שֶׁאֶפְשָׁר לַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה וְאֵינוֹ עוֹסֵק", אויף דריי מענטשן וויינט דער אייבערשטער כביכול יעדן טאג, צווישן זיי - אויף איינער וואס קען לערנען תורה און לערנט נישט; איז דאך זיכער אז פארקערט - ווען א מענטש לערנט יא תורה ווערט א גרויסע שמחה אויבן אין הימל אין אלע וועלטן.

דער רבי האט נישט געבראקט במשך דעם גאנצן יום טוב פסח, נאר אחרון של פסח.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין אויסצוניצן די הייליגע טעג פון יום טוב נאנט צו ווערן מיטן אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~

**רעדן צום אייבערשטן איז א זאך וואס בלייבט אויף אייביג; דורכן רבי'ן זענען מיר זוכה צו רעדן צום אייבערשטן; דאס גרויסקייט און חשיבות פון וועלן און**
~~~~~~~~~~

**בענקען צו זיין אן ערליכער איד; דאס וויכטיגקייט זיך צו האלטן מיט אנשי שלומינו; אכטונג געבן וואו מען גייט חול המועד האלטן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג', י"ח ניסן, ב' דחול המועד פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

א דבר האבד מעג מען שרייבן חול המועד; דערפאר שרייב איך דיר, ווייל דאס איז ביי מיר א דבר האבד. איך וויל נישט אז דו זאלסט פארלירן דיין לעבן; יעדן טאג וואס גייט אריבער אן תורה און תפילה איז א פארלוסט, א דבר האבד. פון אלע שמועסלעך פון די חברים'לעך וועט גארנישט איבער בלייבן, נאר דאס ביסל וואס מיר רעדן צום אייבערשטן, דאס ביסל פֶּה-סָח - דאס וועלן מיר מיט נעמען אויף יענע וועלט.

דאסווארט "פסח" באטרעפט פונקט ווי דעם הייליגן רבינ'ס נאמען "נחמן"; דורך דעם רבי'ן זענען מיר זוכה צו פֶּה-סָח; צו רעדן צום אייבערשטן. דורך תפילה והתבודדות ווערט דער מענטש אויסגעלייזט פון אלע זיינע צרות, עס ווערט ביי אים א זמן חרותינו.

אפילו דו זעסט אז דו האלסט אין איין אראפפאלן, דו ביסט נישט זוכה ארויסצוקריכן פון דיינע שלעכטע רגילות'ער וכו', זאלסטו ווייטער בענקען און וועלן און האפן צו אלע גרויסע עבודות און זאלסט ארויס זאגן דיינע רצונות פארן אייבערשטן: "**רבונו של עולם! העלף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד**", אזוי וועסטו זוכה זיין ארויסגיין פון אלע דיינע שלעכטע געוואוינהייט.

עס איז באוואוסט דעם סיפור אז דער רבי האט געהאט צוויי מחותנים, הרב הקדוש מוואלטשיסק זכותו יגן עלינו און הרב הקדוש מחמעלניק זכותו יגן עלינו. דער וואלטשיסקער רב האט זייער שטארק געוואלט אנקומען אויף ארץ ישראל, פערציג יאר האט ער געבענקט און מתפלל געווען אז ער זאל זוכה זיין אנצוקומען אויף ארץ ישראל; ווען דער חמעלינקער רב האט דאס געהערט האט ער געלאכט דערפון, ער האט געזאגט: "וואס בענקט ער אזוי סאך און וואס איז ער אזוי מתפלל אויף דעם? אז מען וויל פארן נעמט מען געלט און מען פארט!" ווען מען האט דאס דערציילט פארן רבי'ן האט דער הייליגער רבי געזאגט: "איר וועט זען אז

דער וואלטשיסקער רב - וויבאלד ער בענקט קיין ארץ ישראל - וועט צום סוף זוכה זיין צו פארן קיין ארץ ישראל, ווידער דער חמעלניקער רב - וואס זאגט אז מען נעמט געלט און מען פארט - וועט נישט אנקומען קיין ארץ ישראל" און אזוי איז טאקע געווען; זעט מען פון דעם אז דער עיקר איז דער רצון. ווי לאנג א מענטש וויל זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, כל זמן א מענטש בענקט צום אייבערשטן, ער בענקט ארויס צו גיין פון זיינע שלעכטע מעשים - וועט ער צום סוף זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיינע שלעכטע מעשים.

איך בעט דיר זייער, האלט זיך ביים רבי'ן, האלט זיך מיט אנשי שלומינו; ווען א מענטש דרייט זיך צווישן ערליכע אידן, וועט ער צום סוף אויך ווערן אן ערליכער איד. דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זכותו יגן עלינו פלעגט טייטשן דעם פסוק (תהלים צה, י): "וְהֵם, לֹא יָדְעוּ דְרָכָי", אין אידיש זאגט מען שטוב, 'היים', אויב א מענטש זיצט אין זיין שטוב - "וְהֵם", ער גייט נישט צו א צדיק, ער דרייט זיך נישט מיט ערליכע אידן, דעמאלט "לֹא יָדְעוּ דְרָכָי", וועט ער נישט ווערן קיין צדיק; ווייל ווי נישט ווי, ווען מען קומט צום צדיק הייבט מען אן טראכטן 'וואס וועט זיין דער תכלית מיט מיר? ווען וועל איך שוין תשובה טון?' מען געבט זיך א כאפ: 'איך האב נאך נישט געלערנט היינט'; מען הייבט אן טראכטן: 'איך האב נאך נישט מעביר סדרה געווען'; אזוי איז מען זוכה צו ווערן אליינס א צדיק.

אמאל איז א איד אריין געקומען אינעם ברסלב'ן קלויז דאווענען מנחה און תיכף נאך מנחה איז ער אראפגעפאלן אויף דער ערד און ער איז נפטר געווארן. האט זיך ר' נתן אנגערופן: "צו דאווענען איין מנחה אין א ברסלב'ער שטיבל איז אויך כדאי געווען צו קומען אויף דער וועלט"; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון זיך האלטן ביים רבי'ן.

יעצט אינעם הייליגן יום טוב פסח ווען מיר זענען אינעם "זמן חרותינו" געדענק וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ו, ב): "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה", מען קען נישט זיין א בן חורין נאר אז מען לערנט תורה און מען פירט זיך בדרך התורה.

מיר האבן נעכטן אנגעהויבן א פרישע מסכת; זיי נישט קיין בטלן און כאפ דיר מיט. נעם א גמרא און לערן יעדן טאג א דף, אפילו דו פארשטייסט נישט וואס

דו לערנסט – זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו).

געב אכטונג וואו דו גייסט חול המועד האלטן; עס זאל זיין א פלאץ מיט יראת שמים, אז דו זאלסט נישט פארלירן אלעס וואס מען האט זוכה געווען פסח ביינאכט.

...

~~~~~~~~~~

**מיר קענען נישט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן פארן הייליגן רבי'ן; לעבן מיטן תכלית אז מען דארף זיך אנגרייטן פאר יענע וועלט**

בעזרת ה' יתברך – יום ד', י"ט ניסן, ג' דחול המועד פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז נישט דא קיין שיעור וויפיל מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן; דער רבי דערמאנט אונז כסדר מיר זאלן געדענקען אז מיר בלייבן נישט לעבן אויף אייביג און איין טאג ועלן מיר דארפן צוריק גיין צום אייבערשטן; דער רבי גרייט אונז אן מיר זאלן אריין כאפן יעדן טאג תורה ותפילה.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט: פאר אפאר הונדערט יאר צוריק איז געקומען צו פארן קיין רוים זייער א גרויסער חכם, דער חכם איז געווען באוואוסט אין די גאנצע וועלט. ווען דער רומישער קיסר האט געהערט אז דער חכם איז געקומען צו זיין מדינה האט ער אים געמאכט א קבלת פנים, אזוי שמועסנדיג האט אים דער קיסר געפרעגט: "איך האב געהערט זאגן אז דו פארסט ארום אין די גאנצע וועלט, וויל איך דיר פרעגן צי דו האסט שוין געזען אזא שיינע שטאט ווי אונזער שטאט רוים?" האט דער חכם געענטפערט דעם קעניג: "איך מוז מודה זיין אז איך האב נאך נישט געזען אזא שיינע שטאט אין די גאנצע וועלט, אבער איין זאך מוז איך צולייגן, אמת טאקע עס איז נישט דא אזא שיינע שטאט ווי רוים, אבער איין גרויסער חסרון האט אייער מדינה". דער קעניג האט זיך זייער
~~~~~~~~~~

פארוואונדערט הערנדיג דאס און געזאגט צום חכם: "זאג מיר וואס איז דער חסרון, איך וועל עס פארעכטן", האט דער חכם געזאגט: "אדוני המלך, אויב איך וועל דיר זאגן דעם חסרון און דו וועסט עס פארעכטן זאג איך דיר צו אז איך וועל ארום פארן אין די גאנצע וועלט און אויסשרייען 'עס איז נישט דא אזא קעניג ווי דער רוימישער קעניג', 'עס איז נישט דא אזא שיינע שטאט ווי רוים'"; האט דער קעניג אים געזאגט: "איך האב דיר דאך געבעטן זאלסט מיר זאגן וואס די חסרון איז", האט דער חכם געענטפערט פארן קיסר: "דער חסרון פון די שטאט איז די זעלבע חסרון וואס אלע לענדער האבן, אז זי פארמאגט א 'בית הקברות'; אויב קענסטו דאס אוועק נעמען איז נישט דא אזא קעניג ווי דיר אין די גאנצע וועלט". האט דער קיסר געגעבן א קרעכץ, ער האט פארשטאנען וואס דער חכם מיינט צו זאגן, אז אלע דארפן שטארבן און קיינער בלייבט נישט דא אויף דער וועלט, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (קהלת ב, יד) "וְיָדַעְתִּי גַם אָנִי שֶׁמִּקְרֶה אֶחָד יִקְרֶה אֶת כֻּלָּם", קיינער בלייבט נישט לעבן אויף אייביג; ווען א מענטש נעמט אריין די שכל, ער ווייסט אז איין טאג וועט ער אלעס איבערלאזן, דעמאלט לעבט ער מיט תכלית, ער גרויסט זיך נישט אויף קיינעם, נאר ער גרייט זיך אן פאר דער אייביגער וועלט.

מען טאר נישט ארבעטן חול המועד אבער הפצה דארף מען גיין אפילו אום חול המועד; וואויל איז דיר אז דו ביסט מפיץ די הייליגע ספרים וכו' און דו ברענגסט צוריק אידישע קינדער צום אייבערשטן. בזכות דעם זאלסטו זוכה זיין צו פארעכטן אלעס וואס מיר דארפן מתקן זיין.

...

~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון שביעי של פסח; דורכן פאלגן דעם רבינ'ס עצות קען יעדער איד זוכה זיין ארויסצוגיין פון זיינע שלעכטע מעשים און צוקומען צו די העכסטע מדריגות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה', כ' ניסן, ג' דחוהמ"ד, ערב שש"פ, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

הגם מען טאר נישט שרייבן חול המועד אבער א דבר האבד מעג מען יא שרייבן, בפרט צו ראטעווען א איד וואס האט פארלוירן זיין שכל און דורך דעם לערנט ער נישט קיין תורה און ער דאווענט נישט, ביי דעם איז דא א מצוה אים צו מחזק זיין און אים שטארקן, דעריבער וועל איך דיר שרייבן אפאר ווערטער.

היינט נאכט איז שביעי של פסח וואס איז זייער א גרויסער נאכט; אין דעם נאכט זענען די אידן אריבער געגאנגען דעם ים סוף און זענען צוגעקומען צו די גרעסטע מדריגות, אזוי ווייט אז (מכילתא דשירה, ג): "רָאֲתָה שִׁפְחָה עַל הַיָּם מַה שֶּׁלֹּא רָאָה יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא", אפילו א פשוט'ע דינסט האט געזען און געשפירט אזא מין געטליכקייט, נאך מער ווי די נביאים; מיר קענען אויך זוכה זיין צוצוקומען צו די מדריגה, צו שפירן דעם אייבערשטן און צו לעבן מיט אמונה.

נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (סוטה ל:): "בְּשָׁעָה שֶׁעָלוּ יִשְׂרָאֵל מִן הַיָּם נָתְנוּ עֵינֵיהֶם לוֹמַר שִׁירָה, וְכֵיצַד אָמְרוּ שִׁירָה? עוֹלָל מוּטָל עַל בִּרְכֵּי אִמּוֹ וְתִינוֹק יוֹנֵק מִשְּׁדֵי אִמּוֹ; כֵּיוָן שֶׁרָאוּ אֶת הַשְּׁכִינָה, עוֹלָל הִגְבִּיהַּ צַוָּארוֹ, וְתִינוֹק שָׁמַט דָּד מִפִּיו, וְאָמְרוּ: 'זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ' שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים ח, ג): מִפִּי עוֹלָלִים וְיוֹנְקִים יִסַּדְתָּ עוֹז", די קליינע קינדער וואס האבן נאך נישט קיין שכל, האבן אויך געדאנקט דעם אייבערשטן, "רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, אֲפִילּוּ עוּבָּרִים שֶׁבִּמְעֵי אִמָּן אָמְרוּ שִׁירָה", אפילו די קינדער וואס זענען נאך געווען במעי אמן האבן אויך געדאנקט דעם אייבערשטן; זעט מען אז אפילו א מענטש וואס איז נאך זייער ווייט פונעם אייבערשטן קען אויך צוקומען שביעי של פסח צו אזא גרויסע מדריגה, אז מען הייבט אן שפירן דעם אייבערשטן.

טייערער ברודער, שטארק דיר; אפילו דו שפירסט זיך ווייט פונעם אייבערשטן, דו טראכסט אז דו ביסט שוין פארפאלן וכו'; דו ווייסט נישט צי דו וועסט נאך זוכה זיין זיך ארויס צו זען פון דיינע מעשים, זאלסטו קוקן אויף יציאת מצרים. די אידן זענען געווען איינגעזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, זיי זענען ארויס פון דארט און זענען צוגעקומען צו די גרעסטע מדריגות; דאס גייט אן ביי אונז אויך, יעדער איד קען זוכה זיין זיך ארויס צו זען פון זיין גלות מצרים, אויב מען פאלגט דעם הייליגן רבינ'ס עצות - מען געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג און מען לערנט די הייליגע תורה.

...

~~~~~~~~~~

**נישט ווערן דערשראקן פון א שלעכטע חלום**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳, כ׳ ניסן, ג׳ דחוהמ״ד, ערב שש״פ, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

על פי הלכה טאר מען נישט שרייבן חול המועד, אבער איך זע ווי דו ביסט אינגאנצן צעטומלט פון דיין חלום וואס דו האסט גע׳חלומ׳ט, מעג מען אין אזא פאל שרייבן, עס איז ווי א דבור האבד.

קוק וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות חלום, סימן א): לַחֲלוֹם רָע תֹּאמַר בַּבֹּקֶר: ״הַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ״, ווען מען חלומ׳ט א שלעכטע חלום זאל מען זאגן אינדערפרי דעם פסוק; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות עצבות, סימן ל): ״הָעֶצֶב עַל חֲלוֹם רָע מְבַטֵּל אֶת הַחֲלוֹם שֶׁלֹּא יִתְקַיֵּם״, דאס אליינס וואס מען איז באזארגט אויפן חלום העלפט שוין אז דער חלום זאל נישט מקוים ווערן.

איך בעט דיר זייער זאלסט נישט ווערן צעבראכן; דאס איז אלעס דער יצר הרע וואס וויל דיר אויסרייסן פון דער וועלט, דערפאר מאכט ער דיר משוגע יעדעס מאל מיט א צווייטע זאך. דו גיי ווייטער אן מיט דיין עבודת השם, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפן דו וועסט זיך בארואיגן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**פסח איז אריין - זען צו לעבן דערמיט א גאנץ יאר; דער ספעציעלער פרייליכער באדייט פונעם טאג 'אסרו חג פסח' פאר תלמידי היכל הקודש; די אייגנארטיגקייט פון 'מוסדות היכל הקודש'; גלייבן אז וואס דער באשעפער טוט איז לטובה.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פ' שמיני-ב, כ"ג ניסן, אס"ח פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

וואויל איז אונז אז מיר האבן זוכה געווען צו דעם הייליגן יום טוב פסח; מיר האבן געגעסן די הייליגע מצה, מיר האבן מקיים געווען אלע מצוות פון דעם הייליגן יום טוב פסח און מיר זענען ארויס פון מצרים, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פסחים קטז:): "חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם"; דארפן מיר זען מיר זאלן נישט צוריק גיין קיין מצרים, מיר זאלן בלייבן ריין פארן אייבערשטן און נישט האבן קיין חמץ אין קאפ. אוועק לייגן אלע קשיות און וויסן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט: "הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", ער טוט אלעס, ער פירט אלעס און ער מאכט אלעס.

פסח איז נישט אריבער, פסח איז אריין; יעדע מצוה וואס מיר טוהן גייט אריין אין אונזער גוף און אין אונזער נשמה און דאס בלייבט מיט אונז לנצח נצחים. מען ווערט מער און מער נענטער צום אייבערשטן און דאס געבט כח און לעבן פאר א גאנץ יאר. די אלע מצוות וואס מיר זענען מקיים ברענגט אריין אמונה אינעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קיט, פו): "כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה", בפרט די הייליגע מצה וואס מיר האבן געגעסן יום טוב, דאס איז ספעציעל מסוגל אריין צו ברענגען אמונה, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת בא, מא.) אז מצה ווערט אנגערופן: "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא" - א מאכל פון אמונה, אויך היילט עס אויס דעם מענטש פון אלע ווייטאגן (זוהר פרשת תצוה, קפג:).

היינט - אסרו חג פסח - איז ביי מיר זייער א גרויסער טאג, מיר האבן זוכה געווען צו עפענען אונזער חדר אסרו חג פסח שנת תש"ע לפרט קטן. מען האט

ארויס געווארפן מיינע קינדער פון די מוסדות וואו זיי האבן געלערנט נאר פארן בלויזן חטא אז איך האב געעפנט די ברסלב׳ער ישיבה.

דעמאלט האט דאס מיר אויסגעקוקט ווי דער גרעסטער צרה; אלעס וואס מען האט מיר געטשעפעט און ווײ געטון האב איך געקענט אראפ שלינגען באונס צי ברצון, אבער ווען איך האב ערהאלטן דעם בריוו אז מיינע קינדער קענען נישט צוריק קומען אסרו חג פסח אינעם תלמוד תורה וואו זיי האבן געלערנט, דא האב איך נישט געוואוסט וואס צו טון. איך און מיין ווייב האבן דעמאלט אסאך געוויינט צום אייבערשטן מיר זאלן וויסן וואס צו טון, וואס מיר זאלן טון מיט די קינדער, ביז דער אייבערשטער האט מיר אריין געגעבן א שטארקייט צו עפענען א חדר.

היינט ווען איך קוקט צוריק און איך דערמאן זיך די ווייטאג פון דעמאלט, דאנק איך דעם אייבערשטן, איך זאג (ישעיהו יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי, יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ׳נַחֲמֵנִ׳י", איך דאנק דיר אייבערשטער אז מען האט דעמאלט ארויס געווארפן מיינע קינדער און מען האט מיר מבזה געווען אין אלע גאסן, יעצט ווען עס איז ׳יָשֹׁב אַפְּךָ׳ האב איך זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי׳ן וואס איז מרומז אינעם פסוק וּתְ׳נַחֲמֵנִ׳י, איך האב זוכה געווען אז מיינע קינדער וואקסן אויף מיט אמונה אינעם אייבערשטן, זיי וואקסן אויף מיט אמונת צדיקים, אמונה אין זיך אליין און זיי לעבן מיטן אייבערשטן וכו׳ וכו׳.

מען קען שרייבן א בוך פון יעדן איינציגן טאג וואס מיר זענען אריבער זינט די חדר האט זיך געעפנט, אבער יעצט זעט מען שוין ברוך השם די הערליכע פירות פונעם מוסד. מיר האבן היינט א הערליכע תלמוד תורה; מיר האבן שוין ארויסגעגעבן תלמידים וואס האבן חתונה געהאט און אויפגעשטעלט הערליכע שטובער. מיר האבן שוין א מלמד ביי אונז אין חדר וואס איז זעלבסט א תלמיד פון אונזער חדר; דער כיתה א׳ מלמד איז א תלמיד פון אונזער חדר און ישיבה.

אויף אונזער חדר קען מען פארציילן די מעשה וואס האט פאסירט מיטן הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו. ווען דער הייליגער קדושת לוי זי״ע איז געווען א אינגערמאן איז ער געפארן צו זיין הייליגער רבי - דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי״ע וואו ער האט געלערנט פאר א שטיק צייט, ווען ער איז אהיים

געקומען האט אים זיין שווער געפרעגט: "וואס האסטו געלערנט ביי דיין רבי'ן?" האט ער געזאגט: **"איך האב געלערנט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט"**, האט דער שווער אים אויסגעלאכט און געזאגט: "ווער ווייסט דען נישט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט? איך וועל אריין רופן די דינסט און איך וועל איר פרעגן צי זי ווייסט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, וועט זי אויך וויסן..." ער רופט אריין זיין דינסט און פרעגט איר: "איז דא א באשעפער אויף דער וועלט?" רופט זיך די דינסט אן: "וואסערע פראגע איז דאס? אודאי איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!" פרעגט ער זיין איידעם: "צי וואס האסטו געדארפט אוועק פארן פון שטוב פאר אזא לאנגע צייט - צו לערנען אז עס איז דא א באשעפער; קוק אויף די דינסט, זי ווייסט דאס אן פארן צו א רבי?!" האט דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע געענטפערט: **"זי זאגט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אבער איך לעב מיט דעם"**; דאס זעלבע קען מען זאגן קומט פאר ביי אונזער חדר, די קינדער ביי אונז אין חדר לעבן מיטן אייבערשטן; נישט סתם געזאגט און געזינגען, נאר זיי לעבן מיט דעם. מען לערנט מיט זיי אז וואס זיי דארפן זאלן זיי בעטן דעם אייבערשטן.

ווען דו זאלסט וויסן וואס איז איבער געגאנגען אויף מיר במשך די צען יאר וואס מיר האבן די ישיבה; נישט איין מאל די זיבן וואסער וואס איז איבערגעגאנגען אויפן בערגער ווען ער איז אריין געלאפן אינעם גענעראל'ס שטוב ארויס צו נעמען דעם ארימאנס ווייב (עיין סיפורי מעשיות מעשה י', פון דעם בערגער און ארימאן) נאר עטליכע מאל די זיבן וואסער.

געלויבט דעם אייבערשטן וואס האט מיר געגעבן כח אנצוגיין מיט די ישיבה, חדר, מיידל סקול וכו'; דער אייבערשטער זאל מיר העלפן איך זאל האבן כח ווייטער ממשיך צו זיין מיט די ישיבה און מחזק זיין אידישע קינדער.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב, געב איר דאס איבער נאך היינט.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**זען ארויסצוהעלפן פאר די הצלחה פון די יערליכע פארטי; די שוועריקייטן וואס די מוסדות גייען דורך; די גוטע נאמען וואס ברסלב טראגט שוין היינט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פ׳ שמיני-ב, כ״ג ניסן, אס״ח פסח, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

אם ירצה ה׳ דעם קומענדיגן זונטאג (פרשת תזריע-מצורע) מאכן מיר א פארטי פאר די מוסד; איך בעט אייך איר זאלט זען ארויס צו העלפן אז די פארטי זאל זיין מיט הצלחה. דאס יאר וועט דער פארטי נישט פארקומען ביי מרת ... תחי׳, עס וועט פארקומען אין ישיבה.

איר ווייסט דאך אודאי ווי איך מוטשע מיך צו קענען אנגיין מיט די ישיבה, חדר און מיידל סקול, צו קענען צאלן די מלמדים און טיטשערס וכו׳ וכו׳. קיינער וויל נישט העלפן אונזער מוסד און מיר גייען אריבער זייער שווערע צייטן, אזוי אויך האבן מיר נישט קיין געהעריגע פלאץ פאר די מיידלעך. דאס איז שוין אויסער דעם וואס זייער אסאך פון די איינגעשטעלטע נעמען נישט קיין געלט פונעם מוסד וכו׳.

איך בעט אייך זייער, זעט צו העלפן אז די פארטי זאל זיין מיט הצלחה; רופט אייערע גוטע פריינט און אייער משפחה. היינט איז שוין אנדערש ווי אמאל; ברוך ה׳ מיר האבן שוין אביסל אראפ גענומען דעם שלעכטן נאמען פון ברסלב און אז דער אייבערשטער וועט מיר געבן כח וועל איך בלי נדר ווייטער ארבעטן מיט אלע מיינע כוחות אינגאנצן אראפ צו נעמען דעם שלעכטן נאמען פון ברסלב. איר דארפט זיך נישט שעמען צו רופן אייערע חבר׳טעס און אייער משפחה.

אין דעם זכות וואס איר העלפט דעם מוסד, זאלט איר האבן הצלחה און ברכה אין אלע אייערע מעשים.

דעם מיטוואך וועט אם ירצה ה׳ פארקומען א פרויען צוזאמקום אין ישיבה.

...

~~~~~~~~~~~

**געדענקען זיך צו פארלאזן שטענדיג נאר אויפן אייבערשטן; דאס גרויסקייט פון הפצה און די זכותים וואס מען געניסט דורך צוריק ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פ׳ שמיני-ב, כ״ד ניסן, ט׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

ברוך ה׳ אז מיר זענען דעם יום טוב פסח ארויס פון מצרים, דארפן מיר אכטונג געבן מיר זאלן נישט צוריק גיין קיין מצרים. מיר דארפן געדענקען צו לעבן מיטן אייבערשטן; וויסן אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן. א מענטש האט נישט קיינעם אויף דער וועלט - נאר דעם הייליגן באשעפער; ווען מען פארלאזט זיך אויף א בשר ודם ווערט מען נאכדעם געוואויר וואס מענטשן זענען. א מענטש האט נישט קיין חברים, א מענטש האט נישט קיינעם בזה העולם, אלעס איז איין גרויסער דמיון.

איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט עוסק זיין אין הפצה; דו ווייסט דאך אז דער רבי האט אונז געהייסן אנטרינקען ביימער (עיין ספורי מעשיות, מעשה ג׳ מחגר) און דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פון דאס גרויסקייט פון מקרב זיין אידן לאביהם שבשמים (עיין ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן יד; חיי מוהר״ן, סימן תמז; תקמג, ועוד).

מען קען זיך נישט פארשטעלן די זכותים פון דער וואס איז עוסק אין צוריק ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער זוהר זאגט (תרומה קכ״ח): ״תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, קום און זע: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא, דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט און ער מאכט אז דעם אייבערשטנס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, דער
~~~~~~~~~~~

מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. וְזָכֵי לְמֵחמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי, ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי, קיינער קען אים נישט שלעכטס טון - נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ, ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים, און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן".

מיר האבן הערליכע קונטרסים פון הייליגן רבינ׳ס דיבורים אין עטליכע שפראכן; אין אידיש, לשון הקודש, ענגליש, ספאניש, רוסיש, און פראנצויזיש. נעם א בינטל ספרים און גיי אויף די הייזער מזכה זיין אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם, דאס וועט דיר אויסרייניגן פון דיין שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב, זע איר דאס איבערצוגעבן.

...

~~~~~~~~~~~

**אז יעדע פרוי וועט העלפן אפילו נאר אביסל וועט דאס ברענגען אסאך הצלחה פאר די יערליכע פארטי; זען צו זאגן אביסל תהלים יעדן טאג.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פ׳ שמיני-ב, כ״ד ניסן, ט׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך בעט אייך נאכאמאל, זעט מיר צו העלפן אז די פארטי זאל זיין מיט הצלחה. פארבינדט אייך מיט די פרויען וואס האבן גענומען אויף זיך דעם גאנצן עול אז דער פארטי זאל זיין מיט הצלחה - מרת ... תחי׳ און מרת .. תחי׳, פרעגט זיי וואס איר קענט העלפן אז די פארטי זאל זיין מיט הצלחה. ווען אלע פרויען פון אנשי שלומינו וועלן העלפן אפילו נאר אביסל, וועט דאס פאר מיר זיין זייער
~~~~~~~~~~~

אסאך; אז יעדע פרוי וועט רופן אירע באקאנטע און משפחה וועלן מיר האבן א גרויסע הצלחה.

איך שלעפ א בארג; נישט סתם א בארג, נאר א בארג פון חובות, א בארג פון צאלן מלמדים און טיטשערס וכו׳. ווען איך זע ווי מיינע תלמידים העלפן מיר, געבט דאס מיר כוחות ווייטער אנצוגיין.

איך שטיי יעצט פארן צענטן זוממער; יעדע ישיבה, יעדע חדר און יעדע סקול האט א פלאץ וואו צו ווילן פארן זוממער, אבער מיר האבן נישט קיין פלאץ. יעדעס יאר גייען מיר וואנדערן אויף א צווייטע מקום - גולה אחר גולה. ווען איך קוק צוריק און איך זע ווי דער אייבערשטער האט אונז יעדע זוממער אזוי שיין געברענגט א פלאץ, דאס שטארקט מיר אז מיר וועלן דאס יאר אויך האבן א פלאץ וואו מיר וועלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיט אמונה און יראת שמים אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט.

זעט צו זאגן אביסל תהילים יעדן טאג; איך בעטס דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס איר דארפט, וועט איר זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט טון מיט אייך.

איך בעט אייך נאכאמאל, פארבינדט אייך מיט די פרויען וואס זיי ארבעטן מיט זייער גאנצע הארץ צו העלפן אונזערע מוסדות.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר׳ן ארויסהעלפן די פארטי**

בעזרת ה׳ יתברך- יום ב׳ פרשת שמיני-ב, כ״ד ניסן, ט׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**
~~~~~~~~~~~

א גרויסן דאנק אייך פאר דעם וואס איר העלפט אונזער יערליכע פארטי וואס מיר מאכן פאר מוסדות היכל הקודש ברסלב. און בפרט פארן אננעמען צו זיין די **Guest of Honor.**

עס איז א גרויסע זכיה צו העלפן מוסדות התורה וואו מען לערנט תורה מיט תינוקות של בית רבן וואס די וועלט שטייט אויף זייער תורה.

די הייליגע חכמים זאגן (מסכת כלה רבתי, פרק ב): "בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם", יעדן טאג גייט ארויס א מלאך פונעם אייבערשטען חרוב צו מאכן די וועלט, "כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיָּד נֶהְפַּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים", אבער ווען דער אייבערשטער זעט ווי אידישע קינדער לערנען די הייליגע תורה, דרייט זיך איבער זיין כעס צו רחמנות; נאך זאגן די הייליגע חכמים (בראשית רבה סה, כ): ווען די גוים זענען געקומען צו בלעם בן בעור אים פרעגן ווי אזוי קען מען בייקומען די אידן, האט בלעם זיי געזאגט: גייט ארום אין די שולן, אויב וועט איר זען 'תִּינוֹקוֹת מְצַפְצְפִין בְּקוֹלָן' - קינדער וואס לערנען די הייליגע תורה, 'אֵין אַתֶּם יְכוֹלִים לְהִזְדַּוֵּוג לָהֶם' - וועט מען זיי קיינמאל נישט קענען בייקומען. ווייל זייער פאטער יצחק אבינו האט זיי מבטיח געווען אז ווי לאנג עס וועט זיין 'הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב', קען נישט עשו'ס הענט שולט זיין אויף זיי.

בפרט אז איר העלפט אונזער מוסד, וואס איז געשטעלט אריין צו ברענגען אמונה און חיזוק אין אידישע קינדער, איז דאס גאר א גרויסער זכות און א גרויסער מצוה.

דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט אלע ברכות פון די תורה; איר זאלט זען נחת ביי אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און אנטקעגן גיין משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**ווילסט טאקע א בחור פון ישיבה?**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת שמיני-ב, כ״ד ניסן, ט׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אויב דו ווילסט א וואוילער בחור פאר דיין טאכטער, א בחור וואס לעבט מיטן אייבערשטן, דו ווילסט איינער וואס וועט מכבד זיין דיין טאכטער און זיך פירן מיט יראת שמים - ווייסטו אליינס וואס דו האסט צו טון; דו קענסט ארויף קומען אין ישיבה און איך וועל דיר אנטראגן א בחור וואס וועט דיר נאר ברענגען נחת.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב שוין זוכה געווען במשך די צען יאר וואס די ישיבה שטייט צו האבן א חלק אין איבער הונדערט שידוכים און איך בעט דעם אייבערשטן ער זאל מיר ווייטער העלפן איך זאל קענען זיין א גוטער שליח צו מאכן שידוכים מיין גאנץ לעבן, ווייל עס גייט מיר אין לעבן צו העלפן בחורים און מיידלעך זיי ארויס צו נעמען פון זייער תפיסה.

דער רבי האט פארציילט (חיי מוהר״ן, סימן פד) ער האט געפרעגט אין הימל וואס וועט זיין זיין פרנסה? האט מען אים געענטפערט: ״דו וועסט זיין א שדכן״; מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט: ״פארוואס האט דאס דער רבי אונז דערציילט? ווייל דער רבי וויל מיר זאלן אים נאכמאן מיט אלע זיינע זאכן; מיר זאלן נאר עוסק זיין אין אויפשטעלן אידישע שטובער פארן אייבערשטן״.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך בין נישט קיין שדכן פאר געלט וואס דרייט אויס זיין רוקן אין די סקונדע וואס דער שידוך ווערט; ביי מיר איז נישט אזוי, איך לאז נישט אפ מיינע תלמידים. מיינע תלמידים זענען ביי מיר ווי מיינע אייגענע קינדער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין יט:): ״כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילּוּ יְלָדוֹ״; דאס איז נישט סתם א גוט ווארט וואס מען זאגט פארן מלמד: ״שפיר זיך גוט ווייל עס איז כאילו ילדו״, נאר דאס איז אויך אן התחייבות. מען

זאגט פארן מלמד: "געב אכטונג אויף יענעמס קינד אזוי ווי דו וואלסט ווען אכטונג געגעבן אויף דיין קינד; ווען דו לערנסט מיט א תלמיד טראכט: 'כאילו ילדו'".

דו שרייבסט מיר אז דו ביסט געקומען זוכן א בחור פאר דיין טאכטער, דו האסט זיך אוועק געשטעלט אונטן פון ישיבה און געזען בחורים רייכערן וכו', בחורים מיט טעלעפאנס וכו'; מיר זעט אויס ווי דו ווילסט מיר סתם טשעפען, אנדערש קען איך נישט טראכטן וואס דו ווילסט. דערפאר וויל איך דיר מודיע זיין אז מיר קען מען נישט טשעפען; איך וועל ווייטער מחזק זיין בחורים, און אויב דיין בחור וועט אנקומען אין א מצב וואס ער וועט נישט האבן קיין ישיבה וועל איך אויף אים אויך רחמנות האבן, אזוי ווי דער בערגערס זון האט געזאגט פארן קיסר ווען ער האט אים געפרעגט: "אויב דער קיסר וועט דיר אונטער קומען וואס וועסטו טון מיט אים?" האט ער אים געזאגט: "איך וואלט אים מפרנס געווען אזוי ווי איך בין דיר מפרנס (עיין סיפורי מעשיות מעשה י, פון דער בערגער און דער ארימאן)".

איך האב נישט קיין צייט צו קיין נארישקייטן; זאל דיר דער אייבערשטער העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן און זאלסט בקרוב טרעפן א גוטע שידוך פאר דיין טאכטער.

...

~~~~~~~~~~

## האק אפ אלע שלעכטע קשרים

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת שמיני-ב, כ"ד ניסן, ט' לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

הענט און פוס האבן מיר געציטערט ווען איך האב געליינט דיין בריוו.

עס איז נישט דא וואס צו ענטפערן; דו האסט איין ברירה: "תשובה!" תשובה מיינט אפהאקן אלע קשרים וואס דו האסט מיט פרעמדע פרויען און
~~~~~~~~~~

מיידלעך. אויב מען טוט תשובה איז דער אייבערשטער מוחל, דעם אייבערשטנס הענט איז אויסגעשטרעקט צו מקבל זיין בעלי תשובה.

וויסן זאלסטו אז אויב מען טוט נישט קיין תשובה באקומט מען זייער גרויסע עונשים; בפרט ווען מען זינדיגט אין ניאוף. ביי דעם איז דער אייבערשטער נישט מאריך אפו, אזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אויף אלע עבירות וואס א מענטש טוט ווארט דער אייבערשטער אז מען זאל תשובה טון, אבער ווען עס קומט צו ניאוף רחמנא לצלן דארט איז דער אייבערשטער נישט מאריך אף, נאר דער אייבערשטער באשטראפט דעם מענטש מיט א ביטערן עונש.

זאלסט נישט מיינען אז מען קען זיך באהאלטן מיט וכו' אין א קאר וכו' און דאס וועט בלייבן א סוד. דער אייבערשטער זאגט (איוב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", די בעלי עבירות רעדן זיך איין און טראכטן ביי זיך: 'מיר וועלן ווארטן עס זאל ווערן נאכט דעמאלט וועלן מיר טון עבירות; מיר וועלן גיין אין באהאלטענע פלעצער אז קיינער זאל אונז נישט זען'. זאגן חכמינו זכרונם לברכה (במדבר רבה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", א מענטש מיינט טאקע אז ער קען זיך באהאלטן פונעם אייבערשטן, וואס טוט דער אייבערשטער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דער אייבערשטער פארשעמט אים אויף דער גאנצע וועלט.

אז דו וועסט נישט תשובה טון וועל איך דיר פארטרייבן פון דא; דו האסט מיר שוין צוגעזאגט פאריאר אז דו גייסט שוין אלעס אפלאזן. א רחמנות אויף דיר, א רחמות אויף דיין ווייב און א רחמנות אויף דיינע קינדער.

מיין נישט אז מען קען זיך באהאלטן פונעם אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער זאגט (ירמיהו כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", ווי קען זיך א מענטש באהאלטן פון מיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דער אייבערשטער איז דאך איבעראל.

די גרעסטע ליצנות איז נאך, דאס וואס דו שרייבסט אז דו ביסט מחזק פרעמדע וכו' מיטן רבי'ן; עס איז א ביטערער גלעכטער. אז דו וועסט תשובה טון

ווען איך דיר מקרב זיין; איך ווארט צו הערן פון דיר אז דו האסט אלעס אפגעלאזט.

...

~~~~~~~~~~

**וואס מען קען זיך לערנען פונעם הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו; איבערגעבן דעם טאג פארן אייבערשטן און זיין צופרידן ווי אזוי דער אייבערשטער פירט אים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שמיני-ב, כ״ה ניסן, י׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט איז דער יארצייט פון הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו.

עס איז באוואוסט אז דער הייליגער דברי חיים פלעגט זאגן די דרייצן אֲנִי מַאֲמִין׳ס עטליכע מאל א טאג, ער פלעגט דאס זאגן אין אידיש: ״אֲנִי מַאֲמִין - איך גלייב״, און ער פלעגט דאס זאגן מיט זיין נאמען: ״חיים גלייבט, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים״, אז דער אייבערשטער האט אלעס באשאפן און ער פירט דער וועלט, נאר ער אליין טוט אלעס און וועט אלעס טון; אזוי האט דער הייליגער צדיק זיך גע׳חזר׳עט אפאר מאל א טאג די אמונה. הלואי זאלן מיר זאגן די דרייצן ״אֲנִי מַאֲמִין׳ס״ איין מאל א טאג, ווייל ווי מער מען חזר׳ט די אמונה ווערט עס מער און מער אריין געקריצט אינעם מענטש.

מוהרא״ש זאגט אז מען זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן די אֲנִי מַאֲמִין׳ס גלייך נאך ברכות התורה; מען זאל אנהייבן דעם טאג מיט דעם און דאס וועט העלפן אז אלעס וועט גיין געשמאק און רואיג, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן פב): ״וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר״, דאס וואס מען זעט אז אלעס גייט פארקערט ווי מען וויל, ״שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, דאס קומט צוליב דעם וואס דער מענטש זאגט: ״איך
~~~~~~~~~~

וויל!" און ער טיילט זיך אפ פונעם אייבערשטן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", איינמאל אז מען טיילט זיך אפ פונעם אייבערשטן גייט אלעס פארקערט ווי מען וויל.

דערפאר דארף מען זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן און גארנישט וועלן, נאר שטענדיג טראכטן ביי זיך: 'ווי אזוי דער אייבערשטן וויל - בין איך צופרידן', דעמאלט וועט אלעס גיין ווי דער מענטש וויל.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ב) ער פירט זיך אז ער געט איבער דעם טאג פארן אייבערשטן, און ער מאכט אפ ביי זיך אז ווי אזוי דער אייבערשטער וויל זאל ער עס פירן; "בפרט ערב שבת און ערב יום טוב פיר איך מיר איבער צו געבן פארן אייבערשטן דעם טאג". אזוי האט מען נישט נאכדעם קיין ספיקות און בלבולים צי מען האט אויס געניצט דעם טאג ריכטיג וכו'.

איך האף אז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו זאגן יעדן טאג די דרייצן אֲנִי מַאֲמִין'ס ביז דאס וועט דיר שוין זיין שגור על פיו, דורכדעם וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~

**וואס באהאלט זיך אונטער דעם פשוט'ן ברסלב'ער חסיד? - מענטשן האבן נישט קיין השגה אין דעם; דורך דערציילן אלעס פארן אייבערשטן איז מען זוכה צו נסים ונפלאות; משיח וועט אויסלערנען פאר די גאנצע וועלט וואס דער רבי לערנט אונז שוין יעצט אויס.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פ' שמיני-ב, כ"ו ניסן, י"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין מקורב ביים הייליגן רבי'ן.
~~~~~~~~~~

מענטשן רעדן כל דבר אסור אויף ברסלב און מען זאגט אז דאס איז א פלאץ פון משוגעים; ווייל א ברסלב׳ער חסיד קען מען נישט דערקענען פון אינדרויסן. אינדרויסן זעט ער אויס ווי א פשוט׳ער איד, אבער זיין פנימיות איז גאר עפעס אנדערש. ער שפאצירט אויפן גאס פונקט ווי א צווייטן אבער ער איז אן ענין אחר לגמרי; ער טראכט פונעם אייבערשטן, ער זינגט צום אייבערשטן, ער שמועסט מיטן אייבערשטן און ער פארציילט פארן אייבערשטן אלעס וואס עס גייט איבער אויף אים, דערפאר האבן מענטשן נישט קיין השגה וואס ברסלב איז - ווייל מען קען דאס נישט אנזען. די טייטש פון התבודדות איז "בודד" - מען גייט אליין, מלשון הפסוק (שמות ל, לד): "בַּד בְּבַד יִהְיֶה".

דערפאר בעט איך דיר זייער, פאלג דעם רבי׳ן און גיי אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט; לעש אויס דיין טעלעפאן און פארצייל פארן אייבערשטן אלעס וואס קוועטשט דיר. איך זאג דיר אז דו וועסט זען ניסים ונפלאות; שעם זיך נישט צו דערציילן אלעס פארן אייבערשטן.

דער רבי האט זייער געוואלט מיר זאלן רעדן א גאנצן טאג צום אייבערשטן, דערפאר האט דער רבי זייער געווארנט מען זאל נישט טרינקען קיין וויין, ווייל א שיכור וואס דאווענט איז תפלתו תועבה. דער בעל הטורים זאגט אויפן פסוק (ויקרא י, ט): "יַיִן וְשֵׁכָר אַל תֵּשְׁתְּ", אז תֵּשְׁתְּ איז נוטריקון: ת׳פלת ש׳כור ת׳ועבה; און אזוי ווי מיר דאווענען א גאנצע טאג, וואו מען גייט און וואו מען שטייט רעדן מיר צום אייבערשטן, ממילא אויב מיר וועלן טרינקען וועט אונזער דאווענען זיין א תועבה.

דעם רבינ׳ס וויין איז די בעסטע וויין; דער רבי טרינקט אונז אן מיטן יין המשומר, מיט די וויין וואס משיח וועט אונז געבן צו טרינקען. משיח וועט אריין ברענגען אין די וועלט די זאך פון התבודדות; ער וועט אויסלערנען פאר די גאנצע וועלט דאס וואס דער רבי לערנט מיט אונז, אז עס איז דא איין תכלית אויף דער וועלט - נאר רעדן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**לערנען מיט די מיידלעך הלכות ספירה; דער עיקר דארף מען אריינבאקן אין קינדער דרך ארץ און מידות טובות; זען אז די גרעסערע מיידלעך זאלן ארויסהעלפן מיט די יערליכע פארטי; דאס שטאלץ וואס מען דארף שפירן צו זיין א ברסלב׳ער חסיד; הדרכה פאר טיטשערס; מתפלל זיין מיט אלע קינדער פאר א תומך המוסד וואס געפונט זיך אין א צרה לא עלינו.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שמיני-ב, כ״ו ניסן, י״א לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳, מנהלת בית פיגא ברסלב.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן די זכיה ווייטער ממשיך צו זיין מיט די סקול.

יעצט אין די ספירה טעג קען מען נישט אנצינדן פאר די מיידלעך מוזיק. מען דארף לערנען מיט די מיידלעך הלכות ספירה; אלע הלכות פון די ספירה טעג וואס מיר האלטן פאר אבילות אויף די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים פון דעם הייליגן תנא רבי עקיבא וואס זיי זענען אויסגעשטארבן אין די טעג פון ספירה. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (יבמות סב:): ״שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא״, פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים האט ר׳ עקיבא געהאט, ״וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם״, און אלע פון זיי זענען געשטארבן אין איין צייט ווייל זיי האבן זיך נישט מכבד געווען איינער דעם צווייטן, און די וועלט איז געווען דעמאלט וויסט פון תורה.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סה): ״צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו״, מען דארף אויסלערנען דעם קינד דרך ארץ ווען ער איז נאך יונג; ביים רבי׳ן איז דרך ארץ און מידות טובות געווען א יסוד היסודות, מען זאל זיך פארטראגן איינער מיטן צווייטן און מען זאל אכטונג געבן אויף א צווייטנס געפיל. דאס דארף מען ארײן לייגן אין די מיידלעך; זיי זאלן וויסן: ״וואס מען טוט, טוט מען פאר זיך אליין״, אז מען גריסט שיין א צווייטן טוט מען זיך א טובה, אז מען טשעפעט נישט א צווייטן טוט מען פאר זיך אליינס גוטס, און אויב חס ושלום

טשעפעט מען יא א צווייטן טוט מען זיך שלעכטס. דאס איז וואס מיר דארפן אריין בראקן אין די קינדער ווען זיי זענען נאך יונג - זיי זאלן מכבד זיין א צווייטן.

אם ירצה ה' קומענדיגן זונטאג גייט זיין א פארטי פאר די מוסדות; בעט איך אייך זייער איר זאלט נעמען אייער קלאס זיי זאלן העלפן אז די פארטי זאל זיין מיט הצלחה. נעמט אפאר מיידלעך זיי זאלן ארום רופן די ליסטע איינצולייגען פרויען צו די פארטי, אויך זאלן די מיידלעך גיין ביי די הייזער מיט ראפעלס. לייגט אריין אין די מיידלעך א שטאלץ אז זיי זאלן זיך נישט שעמען מיט ברסלב; שעמען זאלן זיך אלע וואס גייען צו זייער טויטע רבי וואס קען זיי נישט העלפן, מיר האבן א לעבעדיגער רבי.

איך ווארט איר זאלט מיר רופן רעדן פאר די טיטשערס; איך וויל זיי מחזק זיין מפעם לפעם זיי זאלן וויסן ווי אזוי מחנך צו זיין אונזערע מיידלעך. א טיטשער קען בשום אין אופן נישט האבן א סעלפאון אין די צייט וואס זי דארף זיין אין קלאס, א טיטשער וואס ברענגט איר סעלפאון אין קלאס איז איר קאפ האלבוועגס נישט אין קלאס. איך בין בשום אין אופן נישט מסכים אז די טיטשערס זאלן אריין גיין אין קלאס מיט זייער סעלעפאון; אין אפיס איז דא א טעלעפאן, אויב מען דארף וויכטיג צו קומען צו א טיטשער קען מען איר רופן אין אפיס. איך בעט אייך זייער איר זאלט דאס איבערגעבן פאר די טיטשערס.

איר האט אודאי געהערט אז ר' ... נרו יאיר גייט זיצן אין תפיסה השם ירחם; זעטס אז אלע קינדער אינעם מוסד זאלן מתפלל זיין פאר אים. ער האט זיך אוועק געגעבן פאר מוסדות התורה צו העלפן מען זאל קענען אנגיין, און אונז האט ער זייער שטארק געהאלפן אין אונזערע ערשטע יארן ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה, חדר און מיידל סקול. דערפאר דארפן מיר מתפלל זיין פאר אים ער זאל נישט אנקומען אין תפיסה.

איך שרייב אייך א קליינע תפילה וואס אלע טיטשערס זאלן בעטן פאר אים מיט די קינדער: **"רבונו של עולם! העלף ארויס אז ר' ... זאל נישט זיצן אין תפיסה, העלף אז די רעגירונג זאל אים אפלאזן; בזכות וואס ער האט געהאלפן ישיבות און תלמוד תורה'ס, און בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיינעט וועגן, אמן".**

איר זאלט ווייזן די בריוו פאר אלע טיטשערס, ווייל דאס איז נוגע פאר זיי אלע.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך טרייסטן נאך א פלוצלינגדיגער פארלוסט לא עלינו פון א טאטע**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שמיני-ב, כ״ו ניסן, י״א לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, איר זאלט נישט וויסן מער פון קיין צער.

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך מחזק זיין מיט אלע כוחות; דאס וועט זיין דער גרעסטער נחת רוח וואס איר וועט גורם זיין פאר אייערע עלטערן אויבן אין גן עדן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא קטז.): ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט און לאזט איבער קינדער וואס לערנען תורה איז כְּאִילוּ לֹא מֵת, אזוי ווי עס שטייט (מלכים-א כא, יא): ״וַהֲדַד שָׁמַע בְּמִצְרַיִם כִּי שָׁכַב דָּוִד עִם אֲבֹתָיו, וְכִי מֵת יוֹאָב שַׂר הַצָּבָא״, פארוואס ביי דוד המלך שטייט ״שָׁכַב דָּוִד״ און ביי יואב שטייט ״מֵת יוֹאָב״? ווייל דוד המלך האט איבערגעלאזט קינדער צדיקים, הייסט עס נישט ווי ער איז געשטארבן נאר כאילו ער שלאפט.

דאנקט דעם אייבערשטן אז איר האט א טייערער מאן שליט״א און לעכטיגע קינדערלעך קיין עין הרע. טאנצט פאר שמחה אז איר זענט זוכה צו ציען ווייטער א גאלדענע קייט פאר אייערע עלטערן וואס געפונען זיך אויבן אין גן עדן.

מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט (עיין בספר ארך אפים, פרק צער גידול בנים): ווען עלטערן קומען ארויף אויבן אין הימל און זיי האבן איבער געלאזט דא אויף דער וועלט
~~~~~~~~~~~

ברסלב׳ער קינדער, זענען אלע נשמות אויבן אין הימל מקנא די נשמה וואס האט א קינד וואס איז דבוק צום אייבערשטן. כל שכן אז אייער מאן איז עוסק אין הפצה, ער גייט ארום פארשפרייט די הייליגע ספרים פון רבי׳ן פאר די וועלט, דעמאלט זענען אלע נשמות אויבן אין הימל מקנא אייערע עלטערן און זיי גייען ארויף אלס מעלה מעלה צום אייבערשטן.

איך ווייס אז אייער צער איז זייער גרויס; איר האט פארלוירן אייער מאמע שוין יארן צוריק ווען איר זענט נאך געווען א קינד, און יעצט האט איר פארלוירן אייער טאטע, ער איז פליצלונג נפטר געווארן לא עלינו. איר זענט געבליבן אן איין איינציג קינד אן משפחה, אבער אייער טאטע אין הימל האט איר נישט פארלוירן, און געלויבט דעם אייבערשטן אז איר האט אליינס א הערליכע משפחה, בא׳חנ׳טע קינדער און א ערליכער מאן. דאס דארף אייך פרייליך מאכן און דאס דארף אייך ברענגען שמחה אין אייער לעבן.

דער אייבערשטער זאל אונז שוין אלע טרייסטן און אונז אויסלייזן פון אונזער גלות במהרה בימינו, אמן.

...

~~~~~~~~~~~

**מלמדים דארפן לערנען מיט קינדער מיט סבלנות און ליבשאפט; מתפלל זיין מיט די קינדער פאר א תומך המוסד וואס געפונט זיך אין א צרה רחמנא לצלן; בעט צו ענדיגן מגיה זיין דעם הייליגן ספר אשר בנחל.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שמיני-ב, כ״ו ניסן, י״א לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ר׳ ... נרו יאיר, מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.**

אשריך ואשרי חלקך אז דו ביסט עוסק אין אזא הייליגע ארבעט פון מחנך זיין תינוקות של בית רבן און דו ביסט מחזק די מלמדים זיי זאלן לערנען מיט די קינדער מיט סבלנות און ליבשאפט. די מלמדים שרייבן מיר אז זיי זענען זיך מחי׳ מיט די דרשות וואס דו געבסט זיי איינמאל א וואך.
~~~~~~~~~~~

האסט אודאי געהערט אז ר' ... נרו יאיר גייט זיצן אין תפיסה - השם ירחם; זע אז אלע קינדער אינעם מוסד זאלן מתפלל זיין פאר אים. ער האט זיך אוועק געגעבן פאר מוסדות התורה צו העלפן מען זאל קענען אנגיין און אונז האט ער זייער שטארק געהאלפן אין אונזערע ערשטע יארן ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה, חדר און מיידל סקול, דארפן מיר מתפלל זיין פאר אים ער זאל נישט אנקומען אין תפיסה.

איך שרייב דיר א קליינע תפילה וואס אלע מלמדים זאלן בעטן פאר אים מיט די קינדער: **"רבונו של עולם! העלף ארויס אז ר' ... זאל נישט זיצן אין תפיסה. העלף אז דו רעגירונג זאל אים אפלאזן, בזכות וואס ער האט געהאלפן ישיבות און תלמוד תורה'ס, און בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיינעט וועגן, אמן".**

זיי ווייטער ממשיך מיט דיין הייליגע ארבעט. זיי מחזק די מלמדים זיי זאלן זיין צייטלעך און אז זיי זאלן אריין לייגן אין די קינדער שמחה, עס זאל הערשן אין יעדע קלאס א געשמאקע לופט, מען זאל שפירן א שמחה אין די לופט, דורכדעם ווערט דער מח ברייט, דאן קען מען לערנען און דאווענען.

איך בעט דיר זייער אויב דו קענסט ענדיגן מגיה זיין דעם ספר הקדוש "אשר בנחל"; איך וויל עס יעצט איבער דרוקן מקיים צו זיין די צוואה וואס מוהרא"ש האט אונז איבער געלאזט מיר זאלן משתדל זיין ווייטער צו דרוקן זיינע ספרים. אויסער דעם האב איך צוגעזאגט פאר מוהרא"ש ביי די לויה אז איך וועל דאס דרוקן און פארשפרייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**אז מען הייבט אן א מצוה אדער א דבר טוב דארף מען דאס ווייטער ממשיך זיין; איינער וואס איז עוסק אין הפצה אין זיכוי הרבים טאר נישט קוקן אויף גארנישט - נאר אנגיין מיט אלע כחות**
~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת שמיני-ב, כ״ז ניסן, י״ב לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר**

וואס מאכסטו עפעס? איך בענק מיר נאך דיר. וואס מאכט דיין ניי געבוירענע קינד? וואס מאכט דיין זון ...? שיק אים א גריס; זאג אים אז איך צייל שוין די טעג ביז ראש השנה אים צו טרעפן אין אומאן ביים הייליגן רבינ׳ס ציון. איך האף אז ער לערנט נאך פלייסיג און ער מאכט נאך סיומים.

... טייערער, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש תנחומא עקב, סימן ו; הובא ברש״י דברים ח, א): ״אִם הִתְחַלְתָּ בְּמִצְוָה, גְּמוֹר אוֹתָהּ״, ווער עס הייבט אן א מצוה דארף דאס ענדיגן, ״שֶׁאֵינָהּ נִקְרֵאת הַמִּצְוָה אֶלָּא עַל שֵׁם הַגּוֹמְרָהּ, שֶׁנֶּאֱמַר וְאֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף אֲשֶׁר הֶעֱלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם קָבְרוּ בִּשְׁכֶם, וַהֲלֹא מֹשֶׁה לְבַדּוֹ נִתְעַסֵּק בָּהֶם לְהַעֲלוֹתָם, אֶלָּא לְפִי שֶׁלֹּא הִסְפִּיק לְגוֹמְרָהּ וְגָמְרוּהָ יִשְׂרָאֵל - נִקְרֵאת עַל שְׁמָם״, וויבאלד משה רבינו האט דאס נישט צוגעענדיגט הייסט עס כאילו די אידן האבן דאס געטון.

... נרו יאיר, דו האסט א מעגליכקייט צו מחי׳ זיין טויזענטער אידן יעדן טאג; דו קענסט פארעכטן דער וועלט, דו קענסט מזכה זיין הונדערטער אידן צו לערנען און דאווענען, דו קענסט האבן א חלק אז טויזענטער פארפעלקער זאלן האבן שלום בית און ראטעווען אידן פון עבירות.

... היקר, קוק נישט אויף דיר, טראכט נישט: ׳וואס וועט זיין מיט מיר?׳ שטעל דיר פאר אז דו שטייסט ביים ים און דו זעסט ווי א מענטש דערטרינקט זיך, וואס וואלסטו געטון? וואלסט זיכער אריין געשפרינגען אין ים אים צו העלפן, אפילו דער יצר הרע וואלט דיר געזאגט: ׳ווער ביסטו דען אריין צו שפרינגען אין וואסער?׳ ׳דו דארפסט אליינס א גרויסע ישועה׳, וכו׳ וכו׳. דאס איז דער וועג פונעם יצר הרע - מחליש דעת זיין די אלע וואס האבן א כח צו מחי׳ זיין און מחזק זיין אידישע קינדער.

..., יעדן טאג ווארט איך אויף די חיזוק יומי המתורגם; איך בין מיר מחי׳ מיט די חיזוק און איך האב הנאה צו זען ווי דו ביסט דאס מתרגם.

..., פריש זיך אויף, יעמוד יעמוד ! די וועלט ווארט אויף דיר.

איך האף די פאר ווערטער וועט דיר געבן אביסעלע חיזוק.

איך בין מתפלל פאר דיר און דיין ווייב איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים, אמן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## ביי מיינע עלטערן איז זייער אנגעצויגן פסח, ווי אזוי האלט איך זיך פרייליך?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט א גרויסן יישר כח פאר מיין לעבן, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט דריי יאר צוריק, ווען איך האב אנגעהויבן הערן אייערע שיעורים, וואס האבן ממש געעפנט מיינע אויגן.

איך בין א בחור פון 19 יאר, איך הער ווי דער ראש ישיבה זאגט ביי די שיעורים ווי אזוי מ'דארף פירן א סדר מיט רואיגקייט, ווי אזוי מ'קען האבן א פרייליכע פסח, ס'זאל נישט זיין קיין אנגעצויגנקייט אינדערהיים. דאס איז אלעס זייער שיינע זאכן, וואס קען איך אבער טון אז ביי אונז אינדערהיים איז נישט אזוי, מיין טאטע איז געפערליך נערוועז און שרייט זייער אסאך, יעדעס יאר קומט צו פרישע חומרות ביי אונז. מיינע חתונה געהאטע געשוויסטער ווילן שוין נישט קומען צו אונז אויף פסח, ווייל ס'איז שוין ממש נישט אויסצוהאלטן.

איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהאט קיין איין פרייליכע פסח, אפשר קען מיר דער ראש ישיבה געבן א וועג ווי אזוי איך קען האבן א רואיגע געשמאקע פסח צום ערשטן מאל?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס, נאר דער אייבערשטער קען אייך באצאלן פאר אלעס וואס איר טוט פאר מיר.

ישראל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת שמיני-א, י״א ניסן, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ישראל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחזק מיטן הייליגן רבי'ן. דער רבי לערנט אונז אז מיר זאלן שטענדיג זוכן דאס גוטס; אפילו ווען עס גייט אריבער שווערקייטן אויפן מענטש זאל מען אויפזוכן דעם אייבערשטן אינעם שווערקייט, מען זאל זוכן די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש און מען זאל אים דאנקען און לויבן דערויף.

דער רבי האט אונז געגעבן א וועג פון טראכטן; אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו קוקן אויף די ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצה): דוד המלך האט שטענדיג געזוכט עפעס גוטס אויף וואס ער קען דאנקען דעם אייבערשטן, אפילו ווען דער אייבערשטער האט געברענגט אויף אים שלעכטס, האט ער געזוכט אין די שלעכטס עפעס גוטס. אזוי ווי דוד המלך דאנקט דעם אייבערשטן (תהלים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רבונו של עולם איך דאנק דיר אויף דעם וואס אין די צרה האסטו מיר ברייט געמאכט.

בנוגע וואס דו פרעגסט ווי אזוי דו קענסט האבן א געשמאקע יום טוב; נוץ דעם רבינ'ס עצה פון התבודדות. בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט האבן א פרייליכע יום טוב, בעט אים דו זאלסט שטענדיג זיין פרייליך, עס זאל דיר גארנישט באדערן און עס זאל דיר גארנישט אנגיין. ווען א מענטש איז פרייליך און ער הערט נישט אויף דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט וואס דער אייבערשטער געבט אים פאלן ממילא אוועק אלע פראבלעמען און אלע ווייטאגן וכו'.

פון איין זייט איז דיר זייער שווער צו מקיים זיין מצות כיבוד אב ואם וכו', אבער פון דער אנדערע זייט איז די שכר זייער גרויס, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", ווי שווערער עס קומט אן צו מקיים זיין א מצוה אלץ מער שכר באקומט מען, בפרט די מצוה פון כיבוד אב ואם וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פאה א, א): "אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא; כִּבּוּד אָב וָאֵם", אויף כיבוד אב ואם באצאלט דער אייבערשטער שכר נישט נאר אויף יענע וועלט, נאר אויך אויף דער וועלט; אז דו וועסט מכבד זיין דיינע עלטערן וועסטו זען נחת ביי דיינע קינדער. נאך

אביסל ווערסטו טרעפן דיין שידוך און ווי אזוי דו האסט זיך אויפגעפירט צו דיינע עלטערן ווערסטו צוריק באקומען מיט פראצענט פון דיינע קינדער.

דו שרייבסט מיר: **"איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהאט קיין איין פרייליכע פסח"**; וויל איך דיר זאגן אז דאס איז דיין אייגענע פראבלעם, דאס האט גארנישט צו טון מיט דיינע עלטערן, דו דארפסט ארבעטן אויף דיר אליינס אז דו זאלסט זיין פרייליך. כל זמן דו ווערסט באשולדיגן דיינע עלטערן וכו' ווערסטו גארנישט האבן דערפון, נאר שברון לב און עגמת נפש; עס איז זייער גרינג אוועק צו מאכן עלטערן און לייגן די גאנצע מיסט אויף זיי אבער דאס וועט דיר גארנישט העלפן אין לעבן. אז דו ווערסט ארבעטן אויף דיינע מידות, צו זיין א זיסער איד, דו זאלסט זיין א פרייליכער איד, דו זאלסט נישט זיין קיין נערוועזער מענטש, שרייען און שלאגן וכו', וועט דיר גוט זיין. עס וועט מקוים ווערן ביי דיר (שופטים יד, יד): "מֵעַז יָצָא מָתוֹק".

דו שרייבסט אז דו שעפסט חיות פון רבי'ן די לעצטע דריי יאר; לערן אביסל ספר "אשר בנחל" ווערסטו זען וואס ברסלב איז, מוהרא"ש ברענגט סיפורים פון אנשי שלומינו וואס האבן גארנישט געהאט אין לעבן און זיי זענען שטענדיג געווען פרייליך. איך ווייס נישט צי דו האסט נאך זוכה געווען צו קענען מוהרא"ש וואס איז געווען א לעבעדיגער ביישפיל. מוהרא"ש זכרונו לברכה האט גארנישט געהאט אין לעבן; ווען איך זאג דיר גארנישט געהאט מיין איך טאקע גארנישט, נישט סתם געזאגט, אזוי ווי מען זאגט און מען שרייבט וכו', ער האט גארנישט געהאט אין לעבן און מיט דעם אלעם איז ער שטענדיג געווען פרייליך, שטענדיג ארום געגאנגען מיט א שמייכל און א גאנץ לעבן מחזק געווען אידישע קינדער.

יעצט פרעג איך דיר, דו ביסט א יונגער בחור און נאך אביסל הייבסטו אן דיין לעבן, פארוואס זאלסטו זיין אזוי צעבראכן און שרייבן: **"איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהאט קיין איין פרייליכע פסח"**? פארוואס? ווייל דיין טאטע האט חומרות, איז וואס? דאס איז א צרה? מאך דיר פרייליך, דאנק דעם אייבערשטן אז דו זיצט ביים סדר טיש מיט טאטע און מאמע! וויפיל אידישע קינדער ליגן נעבעך אין שפיטאל און קענען נישט זיצן אין שטוב ביים סדר, דאנק דעם אייבערשטן אז דו ביסט געזונט און שטארק.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט ארויס גיין פון דיין אייגענע מצרים, דיין מצר-ים, דיין קטנות הדעת; זאלסט זוכה זיין צו שפירן דעם אייבערשטן וואס דעמאלט דארף מען שוין גארנישט. ווען א מענטש שפירט אביסל נאנטשאפט צום אייבערשטן איז ער א צופרידענער מענטש, און מיר אלע זאלן שוין זיין זוכה זיין צו (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אמן.

...

~~~~~~~~~~~

## איך פארשטיי נאכאלץ נישט פארוואס איר וואונטש אן א מענטש מיט גשמיות

## שאלה:

לכבוד מזכה הרבים, הרה"ח רבי יואל ראטה שליט"א,

איך האב ערהאלטן אייער לענגערע תשובה אויף דעם וואס איך האב געפרעגט פארוואס איר וואונטש אן איינעם אז יענער זאל האבן א שיינע הויז און א שיינע קאר, א זאך וואס מ'האט נישט געהערט פון אמת'ע ברסלבע חסידים. איר האט מיר געענטפערט באריכות אז איר האט געקענט אן אמת'ן ברסלבער חסיד, וואס דאס איז געווען מוהרא"ש, און אזוי ווייטער האט איר מאריך געווען אין דעם ענין וואס ס'מיינט אן אמת'ער ברסלבער חסיד.

דאס איז אבער נישט געווען קיין ענטפער אויף מיין שאלה, איך האב פארשטאנען אז איר מיינט צו זאגן אז מוהרא"ש פלעגט יא אזוי אנווינטשן, ואם קבלה היא נקבל, איך וויל אבער נאכאלץ פארשטיין פארוואס מ'זאל אזוי אנווינטשן, דאס איז דען דער ציל פון א איד? אן אמת'ער ערליכער איד דארף נישט ארויסקוקן און האפן אז ער וועט האבן גשמיות און חמריות, ער דארףווארטן און האפן צו עבודת ה', פארוואס זאלט איר רעדן צו מענטשן מיט אזא שפראך וואס קען אויסזען אזוי ווי די וועלט איז דער עיקר, און נישט יענע וועלט?

א גרויסן יישר כח.

יעקב
~~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שמיני-א, י״ב ניסן, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יעקב נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו, ווען מען וויל מקרב זיין מענטשן צום הייליגן באשפער דארף מען זייער אכטונג געבן ווי אזוי מען רעדט און וואס מען רעדט. אודאי איז דער וועלט נישט קיין עיקר נאר דער עיקר איז זיך אנצוגרייטן אויף יענע וועלט, דער וועלט איז נאר א פרוזדור אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, טז): ״הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לַפְּרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא״, די וועלט איז ווי א דורכגאנג פאר יענע וועלט, ״הַתְקֵן עַצְמְךָ בַּפְּרוֹזְדוֹר, כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לַטְּרַקְלִין״, מען דארף זיך אנגרייטן אויף די וועלט מיט מצוות און מעשים טובים כדי מען זאל זוכה זיין צו עולם הבא; אבער ווי לאנג א מענטש איז נאך ווייט פון דעם, דארף מען ארום דרייען מיט אים וכו׳ ביז מען איז זוכה אריין צו שיינען אין אים דעם אמת׳ן תכלית.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן פא): ״וּכְשֶׁהַצַּדִּיק מְדַבֵּר בְּתוֹרָה אוֹ בִּתְפִלָּה, נִקְרָא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְהַדִּבּוּרִים שֶׁהוּא מְדַבֵּר עִם הֲמוֹן עַם בְּשִׂיחַת חֻלִּין הוּא נִקְרָא פְּסֹלֶת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְלָמָּה מְדַבֵּר שִׂיחַת חֻלִּין? כְּדֵי לְקַשֵּׁר אֶת הֲמוֹן עַם אֶל הַדַּעַת״, דער צדיק לאזט זיך אראפ צו פשוט׳ע מענטשן, ער שמועסט מיט זיי שיחות חולין כדי ער זאל זיי קענען דורכדעם צוברענגען צום אייבערשטן; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה ט.): ווען תלמי המלך האט געבעטן די חכמים זיי זאלן אים אראפ שרייבן די תורה: ״נָתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּלֵב כָּל אֶחָד וְאֶחָד עֵצָה, וְהִסְכִּימוּ כֻּלָּן לְדַעַת אֶחָת, וְכָתְבוּ לוֹ ׳אֱלֹהִים בָּרָא בְּרֵאשִׁית׳״, דער אייבערשטער האט אריין געגעבן פאר אלע חכמים זיי זאלן שרייבן געוויסע ווערטער אנדערש ווי עס שטייט אין די תורה, צום ביישפיל, זיי האבן געשריבן ״אלקים ברא בראשית״ אנשטאט ״בראשית ברא אלקים״, ווייל אנדערש וואלט ער דאס נישט פארשטאנען.

עס איז ידוע אז דער רבי האט כסדר געהייסן און געמאנט מען זאל רעדן מיט מענטשן און זיי מקרב זיין צום הייליגן באשעפער, פארציילט ר׳ נתן (חיי מוהר״ן, סימן

שעז): איך האב געהערט פון רבינ'ס ברודער רבי יחיאל זכרונו לברכה, אז ער האט געפרעגט דעם הייליגן רבי'ן וואס מען קען טון אז ווען מען רעדט מיט מענטשן קומט אסאך מאל אויס צו רעדן נארישקייט, ווייל מען קען דאך נישט צו גיין צו א מענטש און גלייך רעדן צו אים פון אלוקות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ל): "הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג כִּי אִם עַל יְדֵי צִמְצוּמִים רַבִּים", נאר מען דארף שמועסן סתם זאכן פארדעם און נאכדעם וכו' און אינצווישן קען מען רעדן פונעם אייבערשטן, האט אים דער רבי געזאגט: "וויבאלד נאכדעם ברענגט מען אריין אין יענעם אמת'ע דיבורים, איז אלעס כדאי".

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן י): מענטשן וואס זענען נאך זייער ווייט פונעם אייבערשטן קען מען נאר מקרב זיין צום אייבערשטן אויף דעם וועג ווי אזוי יעקב אבינו האט אריין געברענגט דעם אייבערשטן אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיהו ב, ה): "בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר ה'", און יעקב אבינו האט אויף דעם וועג מגלה געווען דעם אייבערשטן אויף די וועלט מער פון די אנדערע אבות הקדושים.

און דער רבי איז דאס מסביר, ביי אברהם אבינו שטייט (מדרש תהלים, פז): "כִּי אַבְרָהָם קְרָאוֹ הַר", אברהם אבינו האט אריין געברענגט אין דער וועלט די אמונה אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט און מען דארף זיך צו אים באהעפטן; ער האט אויסגעלערנט אז מען דארף זיך אפשיידן פון דער וועלט. אויב מען וויל זיין אן ערליכער איד דארף מען אפלאזן און נישט האבן קיין שייכות מיט דער וועלט, מען זאל גיין אויף די בערג, זיין אפגעזונדערט פון אלעמען און זיך באהעפטן צום אייבערשטן. די מדריגה איז געווען די מדריגה פון די הייליגע נביאים; זיי פלעגן זיין אפגעשיידט פון מענטשן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן אויף אלישע הנביא (ילקוט שמעוני מלכים-ב, רמז רכח), ער האט געדארפט זיין אפגעשיידט פון מענטשן ווייל ער האט זיך אזוי אויסגעלייטערט אז זיין פנים איז געווארן זייער הייליג און פארכטיג, אזוי ווייט אז ווען טראגעדיגע פרויען האבן אים געזען פלעגן זיי פון רוב פחד פארלירן וכו', זיי פלעגן מפיל זיין די קינדער, דעריבער האט ער געדארפט זיין אפגעשיידט פון מענטשן. ער פלעגט זיך שטענדיג געפונען צווישן די בערג, דארט האט ער געקענט דינען דעם אייבערשטן

אן דעם וואס מען זאל אים שטערן, און אזוי אויך אלע נביאים פלעגן זיך געפונען רוב צייט אין די מדבריות.

די מדריגה איז טאקע זייער א גרויסער מדריגה אבער עס האט אויך א חסרון, ווייל נישט יעדער איינער קען זוכה זיין זיך אפצושיידן פון דער וועלט, נישט יעדער איינער קען זיצן טאג און נאכט צווישן די בערג. א מענטש האט דאך א ווייב און קינדער, ער קען זיי נישט אפלאזן. איז געקומען יצחק אבינו וואס ער האט אריין געברענגט דעם מושג פון: "וְיִצְחָק קְרָאוֹ שָׂדֶה", ער האט אריין געברענגט אז מען דארף זיך נישט אינגאנצן אפשיידן פון דער וועלט, מען דארף נישט זיין אויף די בערג, מען קען גיין דאווענען אין פעלד, דאס איז שוין נישט אזוי שווער פאר מענטשן צו טון. מען גייט אביסל ארויס פון שטאט וואס דארט זענען דא פעלדער, און אזוי קען מען זיך באהעפטן צום אייבערשטן.

דאס איז געווען די מדריגה פון די הייליגע תנאים און אמוראים; זיי פלעגן גיין אין די פעלדער און דארט האבן זיי זיך מדבק געווען צום הייליגן באשעפער. אזוי ווי מיר געפונען אין זוהר הקדוש אז די תלמידים פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי פלעגן גיין אין פעלדער און אין היילן וואו זיי האבן געלערנט תורה און זיך צוגעקלעבט צום אייבערשטן.

אבער די מדירגה איז נאך אויך ווייט פון סתם מענטשן, ווייל נישט יעדער איינער קען זיך אפשיידן פון זיין טאג טעגליכער ארבעט און גיין אין פעלד וכו', פאר א גוי איז דאס זיכער נישט געמאכט; אז דו וועסט זאגן פאר א גוי ער זאל גיין אין פעלד וועט ער דיר ענטפערן: "איך בין א חיה?" "וואס זאל איך טון אין פעלד?" א גוי פארשטייט נישט די זאכן, אויב ווייסט ער אז מען קען נאר רעדן צום אייבערשטן און זיין באהאפטן צו אים אין פעלד וועט ער דאס נישט נעמען; איז געקומען יעקב אבינו און מגלה געווען דעם ענין פון: "וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ בַּיִת", יעקב אבינו האט אויסגעלערנט מען זאל עוסק זיין אין תפילה אפילו אין שטוב, מען קען זיין אין שטוב און דארט דאווענען, מען קען זיין דבוק צום אייבערשטן און וויסן אז אלעס איז דער אייבערשטער - אין שטוב; בעט דעם אייבערשטן אויף שטוב זאכן, בעט דעם אייבערשטן אויף אלע דיינע געברויכן וואס דו דארפסט האבן.

זאגט דער רבי: "שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי אָדָם יוֹתֵר מִשָּׂדֶה", אין דעם וועג פון יעקב אבינו האט שוין יעדער איינער א געפיל, "כִּי הֶעֱלָה אֶת הַתְּפִילָּה מֵהַר וְשָׂדֶה, לִבְחִינַת בַּיִת", יעקב אבינו האט אויסגעלערנט מען זאל בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע קלייניגקייט; אזוי ווי ר' נתן האט דערציילט אז ער איז אמאל געקומען צום הייליגן רבי'ן און ער האט דערציילט פארן רבי'ן אז זיין רעקל איז צעריסן, האט אים דער רבי געזאגט: "בעט דעם אייבערשטן אויף דעם" און ר' נתן האט זיך געוואונדערט: 'אויף אזא קלייניגקייט זאל איך בעטן דעם אייבערשטן?!' האט אים דער רבי געזאגט: "אודאי! מען דארף בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך, וואס איז?" - האט אים דער רבי געפרעגט - "עס פאסט דיר נישט צו בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם?"

ווען א מענטש וויל א שיינע קאר, ער וויל א שיינע הויז; אויב וועסטו אים זאגן: "דאס איז נישט דער תכלית", וועט ער דיר נישט אויסהערן. דאס איז די סיבה פארוואס זייער אסאך בני נעורים לאזן אפ זייער רצון צו זיין אן ערליכער איד, ווייל פון איין זייט ווילן זיי עולם הזה, אבער מען לערנט מיט זיי אז דאס איז א סתירה מיט זיין אן ערליכע איד; וואס פאסירט? אנשטאט זיי זאלן מחליט זיין: 'מיר לאזן אפ עולם הזה, מיר וועלן גיין אויף די בערג, מיר שיידן זיך אפ פון דעם וועלט', מאכן זיי א פארקערטע החלטה, זיי לאזן אפ זייער רצון צו זיין א צדיק. אבער אז מען לערנט זיי אויס: "וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ בַּיִת", דעמאלט שרייען זיי אלע אויס: "לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר ה'".

באמת וויל יעדער מענטש זיין אן ערליכער איד, נאר זיין מח פארנעמט נאך נישט "בראשית ברא אלקים", זיין מח פארנעמט נאך נישט צו זיין אפגעטיילט מזה העולם, דארף מען אים זאגן "אלקים ברא בראשית", מען דארף מיט אים לערנען אזוי ווי שיטת בית הלל (שבת לא.) ווי ער האט זיך אפגעגעבן מיט די גוים ווען זיי זענען געקומען מיט זייערע קטנות און משוגעת'ן וכו'; ער האט זיי געזאגט: "מען קען לערנען כל התורה כולה ווי לאנג מען שטייט אויף איין פיס", "מען קען זיך מגייר זיין און ווערן א כהן גדול", "מען קען לערנען נאר תורה שבכתב אן תורה שבעל פה". אבער לכאורה, ווי קען מען לערנען כל התורה כולה ווי לאנג מען שטייט אויף איין פוס? און קען דען א גר ווערן כהן גדול? מען האט זיכער פארגעהאלטן הלל הזקן היתכן ער זאגט פארן גוי ער זאל זיך מגייר זיין און

ער וועט ווערן כהן גדול; קען מען דען לערנען תורה שבכתב אן תורה שבעל פה? אבער הלל הזקן האט אונז געלערנט ווי אזוי מען דארף זיך אראפ לאזן צו יעדן איינעם און אריין לייגן אין יעדן סארט מענטש אז עס איז דא א באשעפער, ביז זיי וועלן אליינס אוועק ווארפן זייערע נארישקייטן.

גלייב מיר, מען קען צוריק ברענגען אלעמען צום אייבערשטן; אנשטאט זאגן פאר א מענטש אז עולם הזה איז נארישקייט, זאג אים: "אויב דו וועסט לערנען און דאווענען, וועסטו האבן א שיינע קאר און א שיינע הויז".

מען זעט ווי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן עוסק געווען מקרב צו זיין אידישע קינדער, זיי האבן גענוצט עולם הזה צו משכנע זיין אז מען זאל אנהייבן לערנען. אזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה דערציילן (בבא מציעא פה.): אז דער הייליגער תנא רבי אלעזר בן רבי שמעון האט געהאט א זון וואס איז נישט געווען אזוי ערליך, נאך זיין פטירה איז רבינו הקדוש געגאנגען און ער האט געוואלט צוריק ברענגען זיין זון צום אייבערשטן; רבינו הקדוש האט אים אפגעגעבן כבוד, ער האט אים גערופן 'רבי' און ער האט געלערנט מיט אים, אבער ער האט נישט געוואלט לערנען תורה, ער האט יעדן טאג געמוטשעט אז ער וויל שוין אוועק גיין פון ישיבה, האט אים רבי געזאגט: "איך פארשטיי דיר נישט, 'חַכִּים עֲבַדוּ יָתָךְ', אז דו וועסט לערנען די הייליגע תורה וועסטו ווערן א חכם, 'וְגוּלְתָא דְדַהֲבָא פְּרַסוּ עֲלָךְ', מען וועט דיר אנטון מיט טייערע קליידער, יעדער וועט דיר מכבד זיין 'וְרַבִּי קָרוּ לָךְ', מען וועט דיר רופן רבי, 'וְאַתְּ אָמְרַת לְקִרְיָיתִי אֲנָא אֵיזֵיל?' און נאך אלץ ווילסטו נישט לערנען?!" אזוי האט ער אים משכנע געווען און ער איז געבליבן אין ישיבה ביז ער איז געווארן דער הייליגער רבי יוסי בן ר' אלעזר בן ר' שמעון; זעט מען פון דעם אז מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן מיט מענטשן ווען מען וויל זיי מקרב זיין צום אייבערשטן.

מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן וואס לאזט זיך אראפ צו אונז און ער שפילט זיך מיט אונזערע משוגעת'ן, אבי אונז מקרב צו זיין צום אייבערשן.

דער רבי זאגט (עיין ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ל): "וְהַכְּלָל כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ מְאֹד מְאֹד אַחַר רַבִּי אֲמִתִּי הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה מֻפְלֶגֶת מְאֹד שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר בּוֹ

הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת", מען דארף זוכן און בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו טרעפן א צדיק וואס קען אין מיר אריין שיינען געטליכקייט, איך זאל אויך שפירן אז דער אייבערשטער איז מיט מיר, ווייל: "הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג כִּי אִם עַל יְדֵי צִמְצוּמִים רַבִּים", מען דארף אסאך ארומדרייען מיט א מענטש ווי לאנג מען קען אין אים אריין שיינען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס ער איז מחיה ומהוה אלעס, אלעס אויף דער וועלט איז ער אליינס, ער איז באהאלטן אין דומם צומח חי מדבר און עס איז נישט דא קיין שום מציאות אויף דער וועלט אויסער אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו לעבן מיטן אייבערשטן און וויסן אז אלעס אויף דער וועלט איז נאר א פארשטעלאכטץ פונעם אייבערשטן און אלעס איז א לבוש פארן אין סוף ברוך הוא. דעמאלט איז נישט שייך צו זאגן אז דאס איז מותרות.

איך חזר דיר איבער נאכאמאל וואס איך האב דיר שוין געשריבן: "מותרות איז טייטש ווען מען לעבט אן דעם אייבערשטן; דעמאלט איז אלעס איבעריג, אבער ווען א מענטש ווייסט אז אלעס וואס ער האט קומט פונעם אייבערשטן, ער דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך און אויף אלעס וואס ער האט, דעמאלט איז נישטא קיין מותרות. אזוי אויך פארקערט; ווען א מענטש לעבט נישט מיטן אייבערשטן איז א גרויס רחמנות אויף אים, ער האט נישט דער וועלט און נישט יענער וועלט".

...

~~~~~~~~~~

### איך ווארט א נישט געזונט קינד

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך ווארט יעצט א קינד, און די דאקטורים שרעקן מיר אן אז דאס איז נישט א געזונט קינד, איך בין ממש פארלוירן און איך ווייס נישט וואס צו טון, אפשר קענט איר מיר מחזק זיין?
~~~~~~~~~~

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳, כ׳ ניסן, ג׳ דחול המועד, ערב שביעי של פסח, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

על פי הלכה טאר מען נישט שרייבן חול המועד אבער ביי א דבר האבד מעג מען שרייבן.

אז איך ליין ווי איר שרייבט אז עס איז ביי אייך עק וועלט ווייל דער דאקטער זאגט אייך אן אז דאס קינד איז נישט געזונט און איר זענט פארלוירן, וועל איך אייך שרייבן אפאר ווערטער.

איין זאך בעט איך אייך: ״פארלירט זיך נישט!״ תפילה איז זייער א שטארקע זאך, אזוי ווייט אז עס איז קעגן די טבע, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רנ): ״הַטֶּבַע מְחַיֵּיב כָּךְ וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנֶּה אֶת הַטֶּבַע״, אפילו אז די טבע זאגט איין זאך, קומט תפילה און דרייט אלעס איבער; גלייבט אינעם אייבערשטן אז אלעס וואס האט פאסירט ביז יעצט איז פאר אייער טובה, און בעטס אים אויף ווייטער; דורך תפילה וועט איר האבן א געזונט קינד.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, חלק ב׳, סימן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דורך זאגן נעמען פון צדיקים קען מען טוישן די טבע; דעריבער זאלט איר זאגן נעמען פון צדיקים. זאגט: **״אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד, שלמה, רבי שמעון בר יוחאי, רבי יצחק לוריא אשכנזי, רבי ישראל בעל שם טוב, רבי נחמן בן פייגא מברסלב, רבי נתן מברסלב״** און נאך נעמען פון צדיקים וואס איר געדענקט, נאכדעם זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן די תפילה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פַאר דִיר, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה און מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד און אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן מִיר אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, הֶעלְף מִיר אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם. אִיךְ גְלֵייבּ אִין דִיר, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אָמֵן".

איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס תפילה טוט - וואס תפילה טוט קען קיין שום זאך אויף דער וועלט נישט טוהן.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט האבן כח; איר זאלט מיר מבשר זיין א גוטע בשורה בקרוב, אמן.

נאך יום טוב וועל איך אייך שרייבן מער באריכות אם ירצה ה'.

...

~~~~~~~~~~

### זאל איך אוועקפארן אן מיין ווייב?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך הער כסדר די שיעורים פונעם ראש ישיבה, און דאס איז מיר זייער מחזק אין תורה ותפלה, יראת שמים ושלום בית, און נאך פיל. א גרויסן יישר כח.

איך בין געוואוינט צו פארן אלע יארן זומער מיט מיין ווייב קיין חוץ לארץ אויף די בערג פאר וואקאציע אפאר וואכן, דאס געבט מיר געזונט און הרחבת הדעת. דאס יאר וויל זי נישט פארן (זי האט א גערעכטע סיבה דערצו, וואס איז נישט די פלאץ דא אויסצושמועסן), זי פארשטייט אבער אז איך דארף דאס האבן און זי געבט מיר רשות צו פארן אליין מיט מיינע חברים, למעשה וויל איך אבער
~~~~~~~~~~

נישט פארן אן איר, דאס איז נישט קיין וועג אין שלום בית, מצד שני וויל איך אבער פארן צוליב מיין געזונט.

איך האבן שוין פיל מתפלל געווען דערויף צו וויסן וואס צו טון, איך ווייס אבער נאכאלץ נישט וואס איז ריכטיג פאר מיר צו טון, אפשר קענט איר מיר זאגן וואס איך האב צו טון?

יישר כח.

יהודה

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שמיני-ב, כ"ג ניסן, אסרו חג פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד יהודה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו

עס איז מיר שווער צו ענטפערן ווען איך ווייס נישט וואס, ווען און ווי; איך קען דיר שרייבן וואס דער הייליגער רבי האט געהאלטן (שיחות הר"ן, סימן רמא): דער רבי האט זייער מקפיד געווען מען זאל נישט אוועק פארן פון שטוב און איבער לאזן די ווייב וכו'. אין יענע צייטן פלעגן די מלמדים אוועק פארן פון שטוב, זיי האבן איבער געלאזט די ווייב פאר א האלבע יאר. דער רבי האט זייער מקפיד געווען אויף דעם און דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויף זיי מיט א שלעכטע לשון, קוק נאך דעם לשון וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויף זיי, עיין שם.

אז דו דארפסט אוועק פארן פון שטוב זאלסטו מיט נעמען דיין ווייב מיט דיר; חס ושלום אוועק פארן פאר א לאנגע צייט אן די ווייב, דאס איז א גרויסע סכנה, בפרט היינטיגע טעג, ודי לחכימא.

זע צו לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא; דאס וועט דיר ברענגען א רפואה און דאס וועט דיר אויסהיילן בגשמיות וברוחניות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**זאל מען נאר קוקן אויף די גוטע זאכן, אדער דארף מען מחנך זיין די קינדער?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן תורה רפ"ב אז מ'דארף קוקן נאר אויף די גוטס פונעם צווייטן, און דאן וועט די שלעכטס שוין אוועקפאלן פון זיך אליין, מ'זאל בכלל נישט קוקן אויף די שלעכטס פון יענעם.

מיין שאלה איז ווי אזוי מ'קען דאס אויספירן אויף למעשה אין שטוב מיט די קינדער, למעשה דארף מען זיי דאך מחנך זיין אויף תיקון המדות, כשרות און צניעות און אזוי ווייטער, זאל מען זאגן אז מ'זאל גארנישט קוקן אויף די שלעכטס וואס זיי טוען, און נאר זיך מתבונן זיין אין די גוטס? איז דאס גענוג אז זיי וועלן שוין אליין ווערן גוט? אדער דארף מען זיי יא מעורר זיין זיך צו פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג? און אויב יא, ווי אזוי שטימט דאס מיט די דערמאנטע תורה?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

זלמן

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך- יום א' פרשת שמיני-ב, כ"ג ניסן, אסרו חג פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד זלמן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז דא א טעות וואס מענטשן מאכן, מענטשן מיינען אז מען האט צייט צו מחנך זיין די קינדער ווען זיי ווערן עלטער; דאס איז א טעות, חינוך הייבט זיך אן ווען די קינדער זענען קליין. עלטערן וואס געבן אכטונג אויף זייערע קינדער
~~~~~~~~~~~

ווען זיי זענען נאך קליין, מען איז זיי מחנך צו לערנען און דאווענען און אויף קיום המצוות, די קינדער וועלן זיין ערליכע אידן. בפרט מיידלעך וואס זיי דארפן מער שמירה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא נשא, י): אויפן פסוק (במדבר ו, כד): "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ", "יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים", דער אייבערשטער וועט דיר בענטשן מיט קינדער, "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", און דיר אפהיטן מיט דיינע מיידלעך; ווייל מיידלעך דארפן האבן מער שמירה ווי זוהן; אויב מען געבט נישט אכטונג ווען זיי זענען קליין זיי זאלן גיין בצניעות וועט שפעטער זיין אביסעלע צו שפעט.

ביים הייליגן סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו איז אמאל אריינגעקומען א קליינע מיידעלע מיט קורצע ערמל, ווען דער רבי האט דאס געזען האט ער געפרעגט: "וועמענס איז זי?" האט מען גערופן איינע פון די גבאים און דער רבי האט אים פארגעהאלטן: "היתכן דו לאזט דיין מיידעלע גיין מיט קורצע ערמל? עס איז נישט קיין צניעות!" האט דער איד געענטפערט: "רבי, זי איז נאך אונטער דריי יאר", האט דער רבי געזאגט: "איך וויל נישט הערן קיין תירוצים, מען דארף אכטונג געבן אויף צניעות"; אויב מען געבט אכטונג אויף די קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, וואקסן די קינדער אויף ערליך, אבער אז מען לאזט די קינדער גיין ווי אזוי זיי גייען און מען זאגט זיי גארנישט, מען פארענפערט זיך: 'זיי זענען נאך יונג', וועט מען שפעטער גארנישט קענען טון.

קינדער דארף מען מחנך זיין און אויב מען איז זיי נישט מחנך וועלן זיי ארויסגיין לתרבות רעה, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר" ווער עס האט ליב זיין קינד זאגט אים מוסר, און ווער עס זאגט נישט קיין מוסר איז א סימן אז ער האט פיינט זיין קינד.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שמות רבה א, א): ווען א מענטש איז נישט מחנך זיין קינד וועט דאס קינד אראפגיין פון אידישן וועג. אזוי ווי מיר זעהן ביי אברהם אבינו; ער האט געזען ווי ישמעאל קומט אהיים מיט א געטשקע און שפילט זיך מיט עבודה זרה'ס, אבער ער האט אים גארנישט געזאגט ווייל ער האט אים געשווינט, ביז ער האט אים געדארפט פארטרייבן פון שטוב כדי ער זאל נישט קאליע מאכן זיין ברודער יצחק. אזוי אויך איז געווען מיט עשיו; עס שטייט אין די תורה (בראשית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יצחק האט ליב געהאט עשו און אים גארנישט געזאגט, צום סוף איז ער ארויס לתרבות רעה; זעט מען פון

דעם, אז ווען א מענטש זאגט נישט קיין מוסר פאר זיינע קינדער ווען זיי זענען נאך יונג וועט ער חרטה האבן שפעטער.

עס איז כדאי דו זאלסט נאכקוקן די מדרש (פרשת שמות - רבה א, א; תנחומא א), וועסטו זען ווי חכמינו זכרונם לברכה רעכנענען אויס נאך מעשיות. חז"ל דערציילן פון אבשלום און זיין ברודער אדוניה וואס זייער טאטע דוד המלך האט זיי נישט געזאגט קיין מוסר און וואס עס איז צום סוף געשען מיט זיי. אבער די קינדער וואס מען איז מחנך, זיי וואקסן אויס גרויסע צדיקים; אברהם אבינו האט מחנך געווען יצחק, יצחק האט מחנך געווען יעקב און אזוי ווייטער, דורכדעם זענען זיי געווארן גרויסע צדיקים, און מען האט געהאט פון זיי אסאך נחת.

זיי מיר מוחל אבער איך פארשטיי נישט וואס דו פרעגסט; וואס האט איינס מיטן צווייטן, וואס האט חינוך הבנים מיט דן זיין לכף זכות? פארקערט, אויב מען איז דן א צווייטן לכף זכות, מען קוקט אים נישט אן ווי א רשע, דעמאלט קען מען יענעם צוריק ברענגען צום אייבערשטן. דאס זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפב): "דַּע כִּי צָרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בּוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּעַט אֵינוֹ רָשָׁע, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמּוֹצֵא בּוֹ מְעַט טוֹב, וְדָן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל יְדֵי זֶה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה", אז מען קוקט גוט אויף א צווייטן, מען זוכט אין יענעם אביסל גוטס דורכדעם קען מען יענעם צוריק ברענגען צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אז דו וועסט טרעפן אין אים 'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע' - אביסל גוטס וואס אין דעם פרט איז ער נישט קיין רשע, דעמאלט: 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', וועט ער שוין נישט בלייבן ביי זיינע אלטע מעשים, נאר ער וועט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

די זעלבע זאך - זאגט דער רבי - איז מיט זיך אליינס; די סיבה פארוואס א מענטש טוט שלעכטע מעשים איז ווייל ער טראכט: 'איך בין דאך שוין סיי ווי א רשע, איך קען זיך שוין נישט אומקערן צום אייבערשטן', אבער אז מען טרעפט אין זיך אביסל גוטס, דעמאלט קען מען זיך שוין צוריק קערן צום אייבערשטן. דעריבער פארשטיי איך נישט וואס איז די סתירה פון חינוך און דן זיין לכף זכות; פארקערט אז מען קוקט גוט אויף די קינדער, מען האט רחמנות אויף זיי, דעמאלט

קען מען שיין רעדן צו זיי, דעמאלט קען מען זיי מעורר זיין זיי זאלן לערנען און דאווענען און גיין אנגעטון בצניעות וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**מעג מען געבן פעטש פאר קינדער ווען ס'העלפט נישט עפעס אנדערש?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איר זאגט אסאך אז חינוך דארף מען רעדן צו קינדער און נישט שלאגן, און אויב דארף מען יא שלאגן זאל עס זיין נאר א קליין פעטשל אויף די האנט. וואס טו איך אבער ווען מיין 9 יעריג אינגל האלט נישט ביים פאלגן און ס'העלפט נישט קיין רעדן מיט גוטן אדער בייזן?

ספעציעל ווען עס קומט ביינאכט אים אריינצושיקן אין בעט, איז ממש נישטא צו וועמען צו רעדן, ער הערט ממש נישט וואס מ'רעדט צו אים. אפשר מעג ער יא באקומען א פאטש אויפ'ן פנים.

איך וועל זיך פרייען אויב איר קענט מיר קלאר מאכן אין דעם ענין.

יישר כח.

משה

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שמיני-ב, כ"ג ניסן, אסרו חג פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

דער רבי האט געזאגט מען זאל נישט שלאגן קיין קינדער; אז מען טראכט גוט אריין זעט מען אז פעטש איז בכלל נישט קיין חינוך, נאר ווען מען שלאגט א קינד איז דאס נאר אויסצוגעבן די נערוון. דעריבער טאר מען נישט שלאגן קיין קינדער; נישט נאר עס וועט נישט העלפן, עס וועט נאר מאכן אסאך ערגער וכו׳.

אודאי דארף מען אכטונג געבן אז א ווארט פון א טאטע און מאמע זאל זיין טייער און חשוב. אזוי אויך דארפן קינדער פאלגן; מען באלוינט זיי פארן פאלגן און מען קנס׳עט זיי אויב זיי פאלגן נישט. למשל, אויב דער קינד פאלגט נישט - ער גייט נישט שלאפן ווען מען הייסט אים, ווארנט מען אים אז ער וועט ער נישט קענען שפילן וכו׳, אבער נישט שלאגן. שלאגן האט גארנישט מיט חינוך, דאס איז סתם זיך אויסגעבן די נערוון.

בנוגע דיין זון וואס ער פאלגט נישט און מאכט זיך נישט וואוסענדיג וכו׳; אסאך מאל ווען א קינד דארף אסאך אויפמערקזאמקייט (תשומת לב) און ער באקומט עס נישט, זוכט ער אן אופן ווי ער קען אויפרעגן וכו׳, כדי צו געוואונען אויפמערקזאמקייט. דערפאר ווען מען זעט אז א קינד פאדערט מער תשומת לב, דארף מען אים דאס געבן נאך פאר ער הייבט אן שטערן. קלוגע עלטערן, ווען זיי זעהן ווי א קינד הערט נישט וואס מען רעדט צו אים, הייבן זיי אים אויף; למשל, מען זאגט הויך: "קוקט ווי שיין ער פאלגט - ער גייט אריין אין בעט מיט איין מאל הייסן"; "דו ביסט אזא צדיק, דו פאלגסט מיט איין מאל הייסן". צו גוטע ווערטער כאפט זיך יעדער צו; יעדער וויל זיין פון די גוטע.

פארשטייט זיך אז אן תפילה נוצט נישט גארנישט; מען קען וויסן אלע עצות מיט אלע חכמות, אבער אן תפילה, אן דעם אייבערשטן - קען מען גארנישט טון. מען דארף אסאך דאווענען צום אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## וועלכע מעשיות איז גוט צו דערציילן פאר קינדער?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איר רעדט אסאך פון דערציילן ספורי צדיקים פאר קינדער, ספעציעל אזעלכע מעשיות וואס מ'קען נאכמאכן. איך וויל אבער וויסן וואו מ'קען טרעפן אזעלכע גוטע מעשיות פאר קינדער. אפשר קענט איר מיר ארויסהעלפן?

יואל

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת שמיני-ב, כ״ג ניסן, אסרו חג פסח, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יואל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

היינט איז דא א שפע פון מעשה ביכלעך; ס׳איז דא שיינע מעשיות פון צדיקים, אזוי אויך איז דא שיינע מעשיות פון חכמינו זכרונם לברכה צוזמגענומען פון אלע מדרשים און גמרות ווי אזוי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן געלעבט. אויך איז דא שיינע מעשה טעיפס וואו עס ווערט זייער שיין דערציילט מעשיות פון די הייליגע חכמים ווי אזוי זיי האבן זיך געפירט; ווען מען ליינט דאס און מען הערט דאס ווערט מען זייער נתעורר צו עבודת השם.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רלה): ״דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר מַחֲשַׁבְתּוֹ״, עס איז זייער א גרויסע זאך צו דערציילן מעשיות פון צדיקים, דאס ברענגט אז מען זאל האבן א ריינע מח; ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק ווי אזוי ער האט זיך נישט פארלוירן ווען ער איז אריבערגעגאנגען א שוועריקייט, ווערט דער מח ריין פון אלע דאגות און דמיונות וכו׳ וכו׳, מען הייבט אן טראכטן: ׳עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט׳, מען הייבט אן זען אז אלעס אנדערש איז נאריש, דאס

הייסט אז דער מח ווערט אויסגעקלארט. אבער דער רבי זאגט (שם) מען דארף וויסן ווי אזוי צו דערציילן די מעשה; דער עיקר דארף מען זען מען זאל ארויס נעמען התחזקות פון די מעשה, אז מיר זאלן אויך דינען דעם אייבערשטן אזוי ווי די צדיקים האבן זיך געפירט.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רמח): "דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עס איז זייער א גרויסע זאך צו הערן מעשיות פון צדיקים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק ווערט דאס הארץ אויפגעפלאמט צום אייבערשטן, מען באקומט א שטארקע חשק צו ווערן אן ערליכער איד, דורכדעם וואס מען זעט צו וואס די צדיקים האבן זוכה געווען אין זייער לעבן.

מען דארף זייער אכטונג געבן וואס מען געבט פאר קינדער צו הערן;ליידער זענען דא זייער אסאך טעיפס פון ליצנות באיצטלא דרבנן. עס זעט אויס ווי א היימישע מעשה וכו' אבער עס איז אנגעפילט מיט סם המות; איין שטיק ליצנות פון יעדן מנהג און פון צדיקים.

מען זעט אז רבינו הקדוש האט אנגעזאגט זיינע קינדער (פסחים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בִּשְׁכֻנְצִיב", איר זאלט נישט וואוינען אין די שטאט שכנציב, ווייל זיי זענען זייער גרויסע לצים און איר וועט ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי; זעט מען פון דעם ווי הארב ליצנות איז און ווי ווייט א מענטש דארף אכטונג געבן וואו ער וואוינט, מיט ווער ער חבר'ט זיך און וואסערע מעשיות/דרשות מען הערט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיט יראת שמים, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן, אמן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## פירן א פשוט׳ע ביליגע לעבן, קען שאטן פאר די קינדער?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מאמע פון א קינדער געבענטשטע פאמיליע, איך פרוביר זיך צו האלטן צו א ביליגע סטאנדארט, צו קויפן די ביליגסטע, און אפילו נעמען גענוצטע וועש פון אנדערע, און ווען עס קומט חול המועד גייען מיר נאר צו פשוטע פלעצער צו פארברענגען. ווידער מיינע שוועסטער און שוועגערנס האלטן זיך זייער הויך, זיי קויפן אלץ טייערע זאכן, און מ'גייט אויף ווייטע און טייערע אויספלוגן.

איך וויל וויסן אויב דאס וועט נישט שאטן פאר מיינע קינדער, וועלכע קענען שפירן אז זיי זענען בא'עוול'ט געווארן, זיי זענען די 'נעבעכס', זיי באקומען נישט אזויפיל ווי זייערע קאזינס.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת שמיני-ב, כ״ג ניסן, אסרו חג פסח, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר ציט אויף אייער משפחה איידל און באשיידן וכו׳.

וויסן זאלט איר, די קינדער וואס מען צערטעלט זיי (ספוילט), מען טוט זיי אן ווי קעניגן און מען טראגט זיי חול המועד האלטן אויף די זון אין די לבנה וכו׳ - אויף זיי איז א גרויסער רחמנות, ווייל געבן פאר די קינדער אלעס וואס זיי ווילן און אלעס וואס זיי חלומ׳ען דאס מאכט זיי פאר א נעבעך.

געבן פאר די קינדער אלעס וואס זיי בעטן וכו׳ - איז א פוילער וועג אין חינוך; עלטערן כאפן זיך נישט אז דאס אנטון די קינדער מיט די טייערסטע קליידער און מיט די נייסטע מאדעס - וועט זיי שפעטער קאסטן א טייערע פרייז.

קינדער דארפן גארנישט, קינדער דארפן נאר איין זאך: "אווארעמע שטוב"; קינדער וואס האבן א ווארעמע שטוב, זיי וואקסן אויף אין א שטוב וואו די עלטערן האבן זיך ליב, וואו די עלטערן זענען זיך מכבד איינער דעם צווייטן - די קינדער קענען נישט ווערן קיין נעבעכ'ס. קינדער וואס מען רעדט שיין צו זיי, מען דערנידערט זיי נישט, מען שרייט נישט אויף זיי - די וואקסן אויף געזונט.

דעריבער זאלט איר נישט מורא האבן ווייטער מחנך צו זיין אייערע קינדער פשוט און ביליג און איר זאלט נישט קוקן נישט אויף א צווייטן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ו:): "כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת, פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם", ווען א מענטש קוקט אויף א צווייטן, מען וויל געפעלן א צווייטן, ווערט ער אזוי ווי א קאלירטע פייגל וואס טוישט יעדן טאג איר קאליר, ווייל ער דארף פאר יעדן איינעם אנדערש אויסקוקן און מען האט נישט קיין לעבן; דער וואס זוכט נאר צו געפעלן א צווייטן דער איז דער נעבעך, אבער ווען מען לעבט פארן אייבערשטן, ווען מען לעבט פאר זיך - דעמאלט לעבט מען א גוט לעבן.

נאכאמאל, קיינער זאל אייך נישט איינרעדן אז אויב איר וועט נישט געבן פאר די קינדער דאס טייערסטע און דאס בעסטע וכו' וכו' וועלן זיי שפעטער זאגן אז מען האט זיי בא'עוולה'ט; פארקערט, די אלע וואס שרייען אז מען האט זיי גארנישט געגעבן וכו' - זיי קומען פון שטובער וואס מען האט זיי באמת געפייניגט, פארשעמט און גע'רודפ'ט, דאס באדערט זיי.

דער עיקר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער; בפרט היינטיגע טעג וואס עס בוזשעוועט א שטורעם ווינט און רייסט אויס יונגע און אלטעביימער, מענטשן פאלן אוועק פון דער אמונה, מענטשן פאלן אוועק פון דרך התורה, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדן קינד באזינדער און מען דארף אסאך פארברענגען מיט זיי.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## פארוואס ציעט מיר מער צו ליינען צייטונגען אין מיין איבריג צייט, ווי צו לערנען תורה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך ארבעט אלס מלמד א גאנץ יאר, און ווען ס'קומט חול המועד האב איך אביסל וואקאציע, עס ציעט מיר זיך אביסל אויסצורוען און ליינען צייטונגען און מאגאזינען, פארשטייט זיך נאר כשר'ע, אבער עס ציעט מיר נישט צו לערנען, מיין ווייב מוטשעט מיר איך זאל גיין לערנען כאטש פאר צוויי שעה א טאג, ווי אזוי קען איך מאכן אז ס'זאל מיר ציען צו לערנען?

יישר כח.

מנחם

### תשובה:

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שמיני-ב, כ"ג ניסן, אסרו חג פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מנחם נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען אויפן **"סדר דרך הלימוד"** פון הייליגן רבי'ן (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו) דארף מען שוין נישט קיין עצות פון קיינעם צו באקומען א געפיל צו לערנען ווייל עס הייבט אן ציען צום לערנען, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה צז, ג): אויפן פסוק (בראשית מח, טז): "וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ", יעקב אבינו האט געבענטשט יוסף ער זאל זיין ווי די פיש וואס לעבן אין וואסער, זייער גאנצע עקזיסטענץ איז וואסער, מיט דעם אלעם, ווען עס הייבט אן רעגענען שווימען זיי אלע ארויף און ווילן כאפן א פרישע טראפ פון די רעגן וואסער. אזוי אויך זענען די אידן, זייער גאנצע לעבן איז נאר תורה, מיט דעם אלעם ציט זיי יעדן טאג צו לערנען נאך און נאך תורה.

איך האב גרויס רחמנות אויף דיר, ווייל ווען דו וואלסט ווען גענומען דעם רבינ׳ס "סדר דרך הלימוד" וואלסטו געהאט סיי דער וועלט און יענער וועלט; מען קען דאס נישט מסביר זיין פאר איינעם וואס וויל דאס נישט טועם זיין. "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב (תהלים לד, ט):" – נעם א משניות און הייב אן זאגן פרק נאך פרק, א מסכת נאך א מסכת, דו וועסטו שפירן עפעס וואס דו האסט נאך קיינמאל נישט געשפירט, מען הייבט אן שפירן א טעם אין לעבן, עס הייבט אן ציען דעם מענטש צו נאך און נאך תורה, בפרט אז מען לערנט אסאך משניות, דאס האט אין זיך א כח אז עס ברענגט אריין א גליסטעניש צו לערנען די גאנצע תורה.

וואס וועסטו האבן פון ליינען צייטונגען? דער גאנצער צייטונג איז איין שטיק ליצנות און איין גרויסער בלאף; די ציל פון א צייטונג איז נאר צו ווייזן (צפניה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", איך, איך און נאכאמאל איך, און עולם גולם שטייט און ליינט דאס בשעת מען כאפט נישט אז עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג א וואך נאך א וואך און מען האט גארנישט דערפון, דאס איז חוץ דעם וואס עס נעמט אוועק דאס יראת שמים פונעם מענטש.

איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיין טאטע שליט"א האט קיינמאל נישט געלאזט אריין ברענגען אין שטוב קיין שום צייטונג; שבת האב איך געזען מיין טאטע שליט"א נאר לערנען און פארברענגען מיט די קינדער, איך האב נישט געוואוסט בכלל אז עס איז דא צייטונגען ביז איך בין געפארן לערנען אין ישיבה.

בפרט אז דו ביסט א מלמד א גאנץ יאר דארפסטו דאך אכטונג געבן וואס דו ליינסט; ווי פאר די קינדער וואס זייער מלמד איז אנגעליינט מיט ליצנות פון צייטונגען, דער גאנצער צייטונג איז איין שטיק שקר, לשון הרע, רכילות, ליצנות, דברים בטלים און דברים של מה בכך וכו׳ וכו׳; אודאי לייגן זיי אריין דברי תורה, ווייל אזוי קען מען פארנארן אידישע קינדער. מען לייגט טאקע אריין שיינע מוסר השכל מיט כלומר׳ישע מוסר וחסידות, אבער ווער זענען די שרייבערס? פיסטע יונגען וכו׳ וכו׳. ווען דו וואלסט געוואוסט ווער די שרייבערס זענען, וואלסטו געשריגן: "געוואלד! די לצים פירן כלל ישראל!" עס זיצן פוסטע יונגען, זיי דארפן אנפילן א צייטונג מיט הונדערטער בלעטער, שטייען זיי און מאכן ליצנות פון כלל ישראל, ליצי ליצנות און עולם גולם קויפט עס; קיינער ווייסט נישט

פארוואס, קיינער טראכט שוין נישט אליינס, נאר וואס דער שרייבער שרייבט - דאס איז דער שכל הישר.

וואס האבן די שרייבערס געטון פארן שרייבן זייער ארטיקל - געלערנט אור החיים הקדוש? געזאגט תהלים? זיי זענען געזעצן און געליינט רחמנא לצלן זאכן וואס א איד טאר נישט ליינען, דאס ליינסטו? און דאס גייסטו איבערגעבן פאר ריינע קינדער - תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא?!

דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז דו האסט א קלוגע ווייב וואס וויל אויפשטעלן מיט דיר אן ערליכער שטוב, זי וויל דו זאלסט אביסל לערנען, זי וויל אז די קינדער זאלן אויפוואקסן אין א שטוב וואו דער טאטע לערנט. אז מען לערנט אויפן "סדר דרך הלימוד" קען מען לערנען אין שטוב; מען דארף נישט קיין חברותא, נאר מען זיצט אין שטוב און מען לערנט אויפן קול. די ווענט ווערן אנגעזאפט מיט די זיסע גמרא ניגון, די ווענט שרייען ארויס 'דא וואוינט אן ערליכער איד', אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", די ווענט פונעם שטוב זאגן עדות וואס עס טוט זיך אין שטוב; די דאך שרייט ארויס וואס דא טוט זיך, אזוי ווי עס שטייט (חבקוק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה", די קינדער וואקסן אויף מיט א טאטע וואס לערנט, די מאן ווערט חשוב אין זיין ווייבס אויגן און אלעס טוישט זיך צום גוטן.

ווער עס לערנט אויפן "סדר דרך הלימוד" דער לערנט יעדן טאג; ביי אים איז נישט קיין חילוק צי עס איז חול המועד צו ערב יום טוב, צי עס איז פורים צי ווען אימער, יעדער לערנט זיך זיינע שיעורים כסדרן יעדן טאג, אבער אז מען וויל נישט איינבייגן דעם קאפ פארן רבי'ן, מען וויל נישט לערנען אויפן "סדר דרך הלימוד", דעמאלט האט מען יעדן טאג אן אנדערער תירוץ; היינט איז חול המועד, מארגן איז יום טוב, נאכדעם דארף מען אוועק פאקן דעם יום טוב וכו', נאכדעם האב איך א שמחה, נאכדעם האט מיין חבר א שמחה וכו' וכו' און דערווייל גייט אריבער כמה וכמה שנים אן קיין תורה.

פאלג דעם רבי'ן, נעם א משניות און הייב אן מסכת ברכות, גיי כסדרן א פרק נאך א פרק, זאג די ווערטער אויפן קול אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו

לערנסט, אזוי זאלסטו טון ביז דו וועסט ענדיגן א מסכת, נאכדעם גיי נישט איבער די מסכת, נאר גיי צום קומענדיגן מסכת ביז דו וועסט ענדיגן א סדר, וועןן דו ענדיגסט א סדר זאלסטו ווייטער זאגן פרקים ביז דו וועסט ענדיגן ששה סדרי משנה, נאכדעם זאלסטו אנהייבן נאך אמאל משניות וכו' וכו', אזוי זאלסטו טון דיין גאנצע לעבן.

אזוי זאלסטו אויך טון מיט גמרא; הייב אן ש"ס, נעם א מסכת ברכות און הייב אן זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא. היינט זענען דא גמרות מנוקד, אפילו איינער וואס קען נישט קיין עברי קען אויך זוכה זיין צו לערנען די הייליגע גמרא; זאג א דף נאך א דף ביז דו וועסט ענדיגן דעם גאנצע מסכת, נאכדעם זאלסטו אנהייבן מסכת שבת, אזוי זאלסטו גיין כסדרן ביז דו וועסט ענדיגן ש"ס.

וואס זאל איך דיר זאגן, איינמאל דו וועסט טועם זיין דעם **"סדר דרך הלימוד"** וועסטו שוין נישט דארפן קיינעם אויפן וועלט, דו וועסט נישט דארפן נישט די וועלט און נישט יענע וועלט. אזוי ווי דער רבי האט איינעם גע'מוסר'ט (שיחות הר"ן, סימן יז): "מַדּוּעַ לֹא תִלְמַד? מַה תַּפְסִיד בָּזֶה הֲלֹא תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד?!", פארוואס לערנסטו נישט? דו וועסט דאך באקומען עולם הבא פאר דיין לערנען? נאכדעם האט אים דער רבי געזאגט: "וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", און איינמאל דו וועסט זוכה זיין צו שפירן א ליבשאפט צו די תורה, וועסטו שוין נישט דארפן נישט די וועלט און נישט יענער וועלט, דו וועסט נאר וועלן לערנען נאך און נאך.

איך ווארט צו הערן פון דיר אז דו האסט אנגעהויבן לערנען אויפן **"סדר דרך הלימוד"** פון הייליגן רבי'ן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~